# פרשת וארא כ"ב - כ"ח טבת תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת וארא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל הר"ר **משה שמואל פארקאש** הי"ו שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** ווען איך זעה דיך, דערמאן איך זיך ווי אלט מיר זענען...

**הר"ר משה שמואל:** יא, מען האט געלערנט צוזאמען אין חדר.

**רבינו:** עטץ האטס געוואוינט דעמאלטס אין קראונהייטס?

**הר"ר משה שמואל:** מיר האבן געוואוינט אין וויליאמסבורג, דארט ווי די פראדזשעקס זענען. מיר פלעגן צו דאווענען ביים **ריסקעוווער רב**.

**רבינו:** אויף מאר סט.

**הר"ר משה שמואל:** זיין זון **רבי אלי' כ"ץ** (אב"ד שיכון קרית יואל בב"ב) האט אויך געלערנט מיט אונז אין חדר, דער **ריסקעוווער רב** פלעגט אונז פארהערן שבת. - עס איז שוין א שיינע פאר יאר זייט דעמאלטס.

**רבי בנציון כ"ץ אב"ד דזשיבוי:** דער רב געדענקט דעם **ריסקעוווער רב**?

**רבינו:** יא, איך האב פון אים התרת הוראה (**רבינו שליט"א** נבחן אצלו בשנות בחרותו בבני ברק בימי הקיץ תשכ"ו לפ"ק).

די וועלט זאגט, אז ווען מען האט אויפגענומען דעם **שאגת אריה** אין דעם שטאט מעץ, איז ער שוין געווען אין זיינע עלטערע יארן, און מען האט זיך אפגערעדט אויף דעם, אז ער איז שוין א יוד פון זיבעציג יאר, דעמאלטס האט דאס שוין געהייסען א זקן. האט דער **שאגת אריה** צוגעזאגט אז ער וועט נאך זיין צוואנציג יאר רב, וכך הוה. און דער **שאגת אריה** האט דעמאלטס געזאגט, אז דאס איז פשט וואס פרעה האט געפרעגט יעקב (בראשית מז-ח) כמה ימי שני חייך, ווייל ער האט געזעהן אז יעקב איז אזוי אלט, האט ער געוואלט וויסן ווילאנג ער וועט נאך קענען נהנה זיין פון יעקב'ס ברכה אז דער נילוס וועט ארויפקומען, האט אים יעקב געזאגט אז בעצם איז ער נישט אזוי אלט, נאר פון די צרות זעהט ער אויס אלט.

איך זאג עס לגבי דעם, אז דער **ריסקעוווער רב** ווען מען האט אים אויפגענומען קיין בני ברק איז שוין אויך געווען אויף די עלטער, און מען האט געטראכט צו מען זאל אים אויפנעמען.

**אב"ד דזשיבוי:** עס איז געווען א יוד פון בני ברק ער האט געהייסן רבי מרדכי שווארץ, ער האט געזאגט פארן רבי'ן [בעל **דברי יואל מסאטמאר זצ"ל**] אז ער הערט מען שיקט דעם **ריסקעוווער רב** צו ווערן רב, צו שיקט מען דעם רב אזוי אויף די עלטערע יארן וכו'... האט דער רבי געענפערט, אן עלטערער יוד האט א מעלה ווייל תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתן מתיישבות עליהן (סוף קנים), און עס האט אויסגעזעהן ווי דער רבי וואונטשט אים אויף אריכות ימים. שפעטער האט ער מורא געהאט אז דער רבי וועט עס איבערזאגן פארן **ריסקעוווער רב**, איז ער געגאנגען צום **ריסקעוווער רב** זאגן, אז איך האב פאר אייך ארויסגעכאפט א ברכה פונעם רבי'ן. ער האט טאקע געהאט א געזונטע אריכות ימים, דרייצן יאר איז ער געווען רב ביד רמה ביי די כוחות.

**רבינו:** ווי אלט איז ער געווען ווען ער איז אוועק?

**אב"ד דזשיבוי:** איבער די תשעים. ער איז אוועק פלוצלינג, ער האט נאך געזאגט די שבת הגדול דרשה, און דינסטאג ערב פסח איז ער אוועק. ער האט געבעטן מען זאל אים ברענגען צו טרינקן און ער האט געמאכט א שהכל, און אזוי איז ער אוועק. ער האט נאך געהאט הוראה פונעם **מהר"ש ענגעל**.

**הר"ר משה שמואל:** איינער האט מיר פארציילט אויפן ריסקעוווער רב, אז ער איז אמאל געקומען דא אויף געסטעריי, און שבת האט ער עולה געווען כהן, און ער האט געבענטשט הגומל, האט מען אים געפרעגט איר זענט דאך שוין דא פון אינמיטן די וואך, מען האט שוין געקענט בענטשען הגומל דאנערשטאג, האט ער געענטפערט אז ער האט געוואלט אז דער רבי זאל אים ענטפערן 'מי שגמלך כל טוב הוא יגמלך כל טוב סלה'.

**רבינו:** אויף ברכת הגומל שטייט דאך אז עס זאל זיין תרי רבנן, ווייל עס שטייט (תהלים קז-לב) ובמושב זקנים יהללוהו (כמבואר בשו"ע סימן רי"ט סעיף ג').

ער איז געווען פון די אמאליגע תלמידי חכמים...

**הר"ר משה שמואל:** שבועות פלעגט ער אריינקומען צום פשעטל ביים רבי'ן, און ער פלעגט זיך שטארק מפלפל זיין, און דער רבי פלעגט זאגן לאזט מיך אויסרעדן...

**אב"ד דזשיבוי:** דער **ריסקעווער רב** איז אמאל אנגעקומען אין א שטאט, און מען האט אים מכבד געווען צו זאגן א פשעטל, ווען ער איז ארויף צום ארון הקודש האט אים דער ראש הקהל געוויזן דעם זייגער, האט ער אנגעהויבן די דרשה און געזאגט, גבול שמת בל יעבורון, מען האט געמאכט א גבול און איך טאר נישט אריבער גיין דעם גבול, איך קען נישט רעדן מער ווי א שעה, אויב אזוי בל ישובון (תהלים קד-ט), זאל קיינער נישט אפווענדן. אז עס וועט ווערן א פלפול און מען וועט דארפן ענטפערן, וועט מען דאך נישט קענען אנקומען.

**הר"ר משה שמואל:** רבי יוסף כ"ץ (**בן הגה"צ מריסקאווע זצ"ל**) האט געקענט גוט לערנען, ער פלעגט אויך אסאך אריינפרעגן.

**רבינו:** ר' משה גראס ע"ה פלעגט אויך אסאך מאל אריינפרעגן, ער איז געווען א בחור'ל, און ער פלעגט אריינפרעגן ביים פשעטל.

דו ביזט געווען ווען דער רבי האט פארהערט מסכת גיטין?

**הר"ר משה שמואל:** ניין, איך געדענק ווען מען האט זיך פארהערט כל הבשר און גיד הנשה ביי רבי אברהם שמואל גוטמאן.

**רבינו:** רבי אברהם שמואל איז געווען א בעלזער חסיד פונדערהיים, ער איז געווען א טייערער יוד.

איינמאל געדענק איך האט דער רבי פארהערט אין חדר מסכת גיטין.

**הר"ר משה שמואל:** דער רבי איז ארויפגעקומען צוויי מאל אין ווינטער און פארהערט די קינדער, עס איז נישט געווען נאך קיין בחורים דעמאלטס.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קנ"ח סעיף ה') **בבית מדרשנו**. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, משה רבינו האט געפרעגט דעם אייבערשטען, אין וואס פאר א זכות זענען אידן גרייט ארויסצוגיין פון מצרים. האט דער אייבערשטער געזאגט, אין זכות פון קבלת התורה וועלן זיי ארויסגיין פון מצרים, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה (ג-יב), ווען מען וועט ארויסגיין פון מצרים, וועלן יודען דינען דעם אייבערשטען, און מען וועט מקבל זיין די תורה אויף דעם בארג. עס דארף האבן א ביאור, וואס איז דער פשט אז אין זכות פון קבלת התורה וועט מען ארויסגיין.

**די** מפרשים שטעלן זיך, אז די גזירה איז געווען ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה (בראשית טו-יג), און למעשה איז מען נישט געווען אין מצרים פיר הונדערט יאר, נאר מען איז ארויסגעגאנגען פאר די צייט, ווען עס איז נאכנישט נשלם געווארן די זמן. באמת איז דא נאך א קשיא, מען זעהט אז שבט לוי האט נישט מיטגעהאלטן די שיעבוד אין מצרים, אזוי שטייט אין רש"י (שמות ה-ד), אז פרעה האט געזאגט פאר משה און אהרן, לכו לסבלותיכם, זאגט רש"י, אז עס מיינט נישט גייטס צו די ארבעט, ווייל משה און אהרן האבן נישט געארבעט, גאנץ שבט לוי זענען נישט געווען אינעם שיעבוד. פארוואס נישט, עס איז דאך געווען א גזירה אויף אלע צוועלף שבטים, אויף גאנץ כלל ישראל. וואס עפעס איז שבט לוי אנדערש, אז שבט לוי האט געקענט זיצן אין בית המדרש, און זיי האבן נישט געדארפט ארבעטן.

**די** תירוץ דערויף איז, די משנה (אבות ג-ו) זאגט, כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, וכל הפורק ממנו עול תורה, נותנין עליו עול מלכות ועול דרך ארץ. וואס דער טייטש דערפון איז, ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך, זיך פלאגען אויף תורה, טוט דער אייבערשטער אים באצאלן, אז ער נעמט אראפ פון אים עול מלכות. וואס מען האט צוטון מיט די רעגירונג, טוט דער אייבערשטער אראפנעמען דעם עול. אמאל איז געווען אז די רעגירונג האט גענומען מענטשען צו ארבעטן, און ווען זיי האבן אנגעכאפט האבן זיי געקענט נעמען. און דער אייבערשטער וועט אזוי צופירן (אזוי טייטשן די ראשונים אויפן פלאץ), אז דעם מענטש וועט מען נישט נעמען צו טון די ארבעט פארן מלך. און מען נעמט אראפ פון אים עול דרך

ארץ, די עול פון פרנסה. בזיעת אפך תאכל לחם (בראשית ג-יט), פרנסה קומט אן שווער. מען געפונט אבער (ברכות לה:) אז רבי שמעון בן יוחאי וחביריו וואס האבן נישט עוסק געווען אין עניני עולם הזה, האט זיי דער אייבערשטער מזמין געווען פרנסה אזוי אויך.

**שבט** לוי זענען געווען די וואס האבן מקבל געווען אויף זיך עול תורה. אלע יארן אין מצרים זענען זיי געווען די איינציגסטע וואס האבן נישט מבטל געווען קיין שום זאך פון די תורה. יודען האבן מבטל געווען מצות מילה, יודען האבן געדינט עבודה זרה, אבער שבט לוי האט עס נישט געטון. און ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה, נעמט מען אראפ פון אים עול דרך ארץ, און מען האט אויך אראפגענומען פון שבט לוי עול מלכות, אז זיי האבן נישט געדארפט טון ארבעט פאר פרעה.

**דער ישמח משה** (פ' שמות ד"ה במדרש) איז מסביר, פארוואס איז טאקע אזוי. אויב דער אייבערשטער האט גוזר געווען בזיעת אפך תאכל לחם, דארף זיך יעדער פלאגען אויף לחם. פארוואס זעהט מען ביי תלמידי חכמים, אז דער אייבערשטער איז זיי מזמין אז עס איז מלאכתן נעשית על ידי אחרים, און זיי דארפן זיך נישט אליין פלאגען. זאגט דער **ישמח משה**, לחם האט צוויי טייטשן. די פרנסה פון א מענטש ווערט אנגערופן לחם, און תורה ווערט אויך אנגערופן לחם, לכו לחמו בלחמי (משלי ט-ה). און א מענטש קען אויפטוישן דעם בזיעת אפך תאכל לחם, אז מען דארף זיך פלאגן אויף די פרנסה, מיט זיך פלאגן אויף תורה. ווען א מענטש לערנט תורה, און ער פלאגט זיך דערויף, איז ער מקיים בזיעת אפך תאכל לחם, ער לערנט די תורה בזיעת אפך.

**און** אזוי שטייט אין די גמרא (סנהדרין צט:), אדם לעמל יולד (איוב ה-ז), א מענטש איז באשאפן געווארן לעמל, אבל איני יודע לאיזה עמל, אבער וואס פאר א עמל, צו עמל תורה, צו עמל פון די וועלט, דאס קען זיך א מענטש אליין אויסקלויבן. וויפל א מענטש לייגט זיך אריין אין עמל פון תורה, אזויפיל טוט דער אייבערשטער אראפנעמען פון אים די עמל פון עולם הזה. כל הפורק ממנו עול תורה, ווען א מענטש טוט אראפווארפן פון זיך עול תורה, ער מיינט אז ער האט זיך גרינגער געמאכט, ער האט אראפגעווארפן פון זיך עול תורה, ער וויל נישט האבן דעם עול. נותנין עליו עול מלכות ועול דרך ארץ, מען קען זיך נישט ארויסדרייען. אויב דו האסט נישט די פלאג פון תורה, וועט מען ארויפלייגען אן אנדערן עול. דו וועסט האבן עול מלכות, דו וועסט האבן עול דרך ארץ. איין עול ווערט געדעקט מיטן צווייטען.

**און** באמת יודען אין מצרים האבן געדארפט אפקומען פארשידענס, גלות מצרים איז געווען תיקונים אויף זאכן וואס מען האט געטון דורות פון פריער. די קישוי השיעבוד, די פלאג וואס מען האט זיך געפלאגט, דאס איז געווען דער זיכון, פאר דעם וואס מען האט געזינדיגט. און דער אייבערשטער האט געזאגט, אז עס איז דא א וועג וואס א מענטש קען אראפווארפען פון זיך דעם עול פון מלכות. בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, ווען מען וועט ארויסקומען פון מצרים, וועט דער אייבערשטער אונז געבן די תורה, און פון דעמאלטס אן וועט מען זיך פלאגען אויף תורה. און אז מען וועט זיך פלאגען אויף תורה, וועט מען מיט די פלאג אויף תורה משלים זיין וואס מען האט זיך געדארפט פלאגן אין מצרים. און אזוי איז געווען ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה אין מדבר, מען האט נישט געהאט קיין עול פון פרנסה, מען האט אראפגענומען עול דרך ארץ, מען איז געזעסן און געלערנט פון צופרי ביז ביינאכט, און מען האט אריינגעלייגט די גאנצע עמל נאר אין תורה. און דורך דעם וואס מען האט אריינגעלייגט דעם עמל אין תורה, דורך דעם איז מען אפגעקומען אז מען האט נישט געדארפט האבן די עמל אין מצרים.

**ווען** משה רבינו האט געפרעגט, מען האט נאך נישט געענדיגט דעם שיעבוד פונעם גלות. האט דער אייבערשטער געזאגט, דעם עמל פון עולם הזה איז מען אדורכגעגאנגען צוויי הונדערט און צען יאר. בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, יעצט וועט קומען די צייט אז מען גייט געבן די תורה, און מען וועט מקבל זיין אויף זיך עול תורה, און מיט דעם וואס מען וועט מקבל זיין אויף זיך עול תורה, דורך דעם וועט די

עמל פון תורה ווערן גערעכנט אזוי ווי דער עמל וואס מען האט געדארפט האבן אין מצרים.

**עס** איז א מוסר השכל פאר א מענטש. **א מענטש מיינט אסאך מאל אז דורכדעם וואס ער וועט מבטל זיין פון תורה, ער וועט זיך גרינגער מאכן, וועט אים גרינגער ווערן. מען קען זיך נישט גרינגער מאכן, טאמער נעמט מען אראפ די גרינגקייט פון תורה, טוט עס דער אייבערשטער געבן אויף א אנדערער וועג. הפורק ממנו עול תורה, ער וויל נישט האבן די עול, עס איז אים צו שווער די עול פון תורה, זאלסטו נישט מיינען אז דו וועסט האבן א גרינג לעבן נאכדעם, נותנין עליו עול מלכות ועול דרך ארץ, אז דו האסט דיך נישט געפלאגט אויף דעם, וועט מען דיר געבן עפעס אנדערש.** און פון די אנדערע זייט, ווען א מענטש האט שכל, און ער איז מקבל אויף זיך עול תורה, פאר יעדן עול וואס א מענטש פלאגט זיך, ער היט זיך נישט עובר צו זיין אויף ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם. און ער פלאגט זיך אויף די אלע שוועריקייטן וואס עולם הזה ברענגט מיט זיך מיט, און ער נעמט אויף זיך דעם עול פון תורה, מעבירין ממנו, נעמט מען אוועק פון אים, עול מלכות ועול דרך ארץ. זאל דער אייבערשטער העלפן, אז מען זאל קענען מקבל זיין אויף זיך עול תורה ווי עס דארף צו זיין.

*

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הרה"ג רבי **פישל לעווי** שליט"א (מנהל ישיבה קטנה דמתיבתא נחלת יעקב), שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

*

***יום שלישי פרשת וארא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **משה יעקב קליין** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט פריער דערמאנט, אז איינע פון די זכותים וואס יודען האבן געהאט אז מען איז אויסגעלייזט געווארן פון מצרים, איז געווען אין זכות פון מילה. ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך ואומר לך בדמייך חיי (יחזקאל טז-ו). און עס איז דא דערויף א רמז אין די פרשה, אז פאר די ארבע לשונות של גאולה, והוצאתי והצלת וגאלתי, האט דער אייבערשטער געזאגט ואזכור את בריתי (ו-ה), איך וועל געדענקען בריתי, וואס דאס איז ברית מילה. אין דעם זכות פון ואזכור את בריתי, וועלן יודען ארויסגיין פון מצרים.

**דער** ביאור דערפון איז, דער הייליגער **חתם סופר** (תורת משה פ' וארא יט:) זאגט, אז מען זעהט אז יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים פארן זמן, די גזירה איז געווען ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה, און מען איז ארויסגעגאנגען נאך די העלפט צייט. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, ווייל יודען זענען הקדש, קודש ישראל לה' ראשית תבואתה (ירמיה ב-ג), ביי הקדש איז דא די הלכה, אז הקדש איז מפקיע מידי שיעבוד (יבמות מו.), ווען א מענטש בארגט געלט פון יענעם, און ער איז משעבד פאר יענעם זיין בהמה, אז אויב איך באצאל דיר נישט, קענסטו נעמען פון די בהמה. און נאכדעם האט ער מקדיש געווען די בהמה, ווערט עס הקדש. דער הקדש איז שטערקער, עס טוט מוציא זיין מידי שיעבוד. אפילו יודען זענען געווען משועבד צו פרעה, אבער אז דער אייבערשטער האט מקדיש געווען יודען, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, זענען יודען געווארן הקדש, און הקדש איז מפקיע מידי שיעבוד.

**דער** פסוק זאגט, קודש ישראל לה' ראשית תבואתה, דער אייבערשטער האט מקדיש געווען יודען, מיר זענען קודש פארן אייבערשטען. די הלכה איז, אז יעדער מזיק באצאלט נאר וויפיל ער האט מזיק געווען, אבער ווען איינער איז מועל בהקדש, איז נישט גענוג אז ער באצאלט וואס ער האט מועל געווען אין הקדש, נאר ער דארף צוגעבן א חומש (ויקרא ה-טז). יודען זענען געווען אזוי ווי הקדש, וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים (שמות יג-יח), יודן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, איז פאר יעדן צוגעקומען נאך א חומש וואס מען האט געדארפט באצאלן. אויסער דעם וואס עס איז זיך געקומען צו באצאלן פאר די

שיעבוד, קומט זיך פאר זיי אויך א חומש, ווייל יודען זענען קודש.

**די** הלכה אז הקדש איז מפקיע מידי שיעבוד איז נאר א קדושת הגוף, אבער קדושת דמים, ווען מען איז עס מקדיש נאר פאר בדק הבית, איז די הקדש נישט מפקיע מידי שיעבוד (עיין רש"י יבמות שם). איז דער טייטש אז ווען מען זאגט אז יודען זענען ארויסגעגאנגען ווייל זיי זענען געווארן הקדש, מוז זיין אז יודען האבן באקומען א קדושת הגוף. דורך דעם וואס מען מל'ט זיך, דורך דעם באקומט א יוד א קדושה. עס איז נישט נאר א אויסענווייניגע קדושה, נאר עס איז א קדושה וואס ווערט נחקק אינעם מענטש. און דורך דעם וואס יודען האבן זיך געמל'ט, זענען זיי געווארן קודש, און הקדש איז מפקיע מידי שיעבוד, זענען זיי ארויסגעגאנגען פאר די צייט.

**אוודאי** האבן יודען געהאט זכותים אז זיי זאלן קענען ארויסגיין פון מצרים, אבער אז עס איז דא א שיעבוד קען מען דאך נישט ארויסגיין פונעם שיעבוד ביז עס ענדיגט זיך נישט. האט דער אייבערשטער מקדש געווען יודען מיט די מצוה פון מילה, און דורכדעם וואס זיי זענען געווארן קודש ישראל לה' ראשית תבואתה, איז הקדש מפקיע מידי שיעבוד, איז מען ארויסגעגאנגען פאר די צייט.

**און** עס איז א מוסר השכל פאר יעדן איינעם, **יעדער האט זיך זיינע שיעבודים וואס דער אייבערשטער האט אים אראפגעשטעלט אויף דער וועלט, וואס ער דארף אלץ אדורכגיין. אבער עס איז דא א וועג ווי אזוי ער זאל קענען ארויסגיין פון דעם שיעבוד, דורך הקדש. ווען א יוד איז זיך מקדש פארן אייבערשטען, איז הקדש מפקיע מידי שיעבוד, די קדושה וואס א יוד איז זיך מקדש, אפילו עס איז דא שיעבודים וואס ער דארף אדורכגיין אין גשמיות'דיגע ענינים, האט דער הקדש א כח, אז עס נעמט אוועק פונעם שיעבוד.** ווען א יוד איז זיך מקדש פארן אייבערשטען, טוט עס מוציא זיין מידי שיעבוד.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי להיכל '**ישיבה קטנה נועם התורה**' שע"י קהלתנו הק'. **רבינו שליט"א** השמיע דברות קודש לתלמידי הישיבה בגודל מעלת שנות הבחרות, ולנצל ימי השובב"ם להתמיד בלימוד התורה.

אחר הדרשה התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מעריב בהיכל הישיבה. אחר מעריב עברו בחורי הישיבה לקבל שלום וברכת הקודש מאת **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** באקום זייער שיינע גריסן פון די בחורים, ווי אזוי מען לערנט פלייסיג און שעות רצופות אין די ימי השובב"ם. מען האלט ערשט ביי די התחלה, זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין, און שטייגן און אויסוואקסען.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט געשיקט משה רבינו אז ער זאל אויסלייזן די יודען פון מצרים. און ער איז געגאנגען צו פרעה, און פרעה האט נישט געוואלט נאכגעבן, אדרבה תכבד העבודה על האנשים, מען זאל נאכמער ארויפלייגן אויף זיי שווערקייטן. און משה רבינו האט נישט געקענט צוקוקן די צרות פון יודען, און ער האט געזאגט פארן אייבערשטען למה הרעותה לעם הזה, פארוואס טוסטו שלעכטס פאר יודען, למה זה שלחתני, פארוואס האסטו מיר געשיקט. די וואך אין די פרשה, האט אים דער אייבערשטער מוסר געזאגט, וידבר אלקים אל משה, ויאמר אליו אני ה', וארא אל אברהם ואל יצחק ואל יעקב (ה-כב). און רש"י זאגט, דבר אתו משפט, דער אייבערשטער האט גערעדט מיט אים שטרענגע רייד, על שהקשה לדבר ולומר למה הרעותה לעם הזה, פארוואס ער האט שטרענגט גערעדט צום אייבערשטען, און ער האט געזאגט למה הרעותה לעם הזה. דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז די אבות האבן זיך קיינמאל נישט אפגערעדט אויף מיר, און דו האסט טענות למה הרעותה.

**דער** פסוק איז א שווערער פסוק, ער הייבט אן וידבר אלקים אל משה, 'וידבר' איז א לשון קשה, 'אלקים' איז מדת הדין. און עס איז טאקע געווען א דיבור קשה, די מדת הדין האט גערעדט צו אים. און נאכדעם זאגט ער, ויאמר אליו אני ה', 'ויאמר' איז א אמירה רכה, 'ה' איז מדת הרחמים. ער האט נאך אפילו נישט גערעדט צו אים א דיבור קשה, ער האט נאכנישט געזאגט וארא אל אברהם ואל יצחק, און תיכף ויאמר אליו, האט ער אנגעהויבן צו רעדן צו אים מיט א אמירה רכה, אני ה', מיטן שם הרחמים. עס וואלט געדארפט שטיין וידבר אלקים אל משה, וארא אל אברהם ואל יצחק ואל יעקב.

**דער** ענין דערפון איז, **מען רעדט דא צווישן בחורים, יעדער בחור וואס קומט אין א ישיבה, האט אן עול אויף זיך. עס ווערט ארויפגעלייגט אויף אים סדרים וואס מען דארף לערנען, פון פארטאגס ביז ביינאכט דארף מען זיצן און לערנען. און עס איז דא צייטן וואס עס איז תכבד העבודה, מען טוט שווערער מאכן די עבודה, און מען לייגט נאך צו, אז מען זאל לערנען שעות רצופות, אן א הפסק אינדערמיט. און עס קוקט אויס ווי אן עול, א שווריקייט, און אסאל מאל קען מען פרעגן די קשיא למה הרעותה, פארוואס פארלייגט מען זיך אזוי אויף אונז, מען גיט אונז נישט קיין מנוחה פון צופרי ביז ביינאכט.**

**ווען** מען קוקט אבער צוריק, ווען מען איז אינדערהיים, איז אויך דא אן עול. דער טאטע גיט אן עול, די מאמע גיט אן עול, מען קען נישט טון וואס מען וויל. דער טאטע פארלאנגט דאס, די מאמע פארלאנגט א צווייטע זאך. גאנץ כלל ישראל איז מיט אן עול, יעדער יוד איז מיט אן עול. תורה איז אן עול, עול תורה ועול מצות. תורה איז אן עול, די תורה זאגט, דו קענסט נישט טון אלעס וואס דו ווילסט. דו ווילסט רייכערן א ציגארעטל שבת, דו קענסט נישט. דו ווילסט אנצינדען א לעקטער, דו קענסט נישט. דו ביזט ביי די ארבעט, דו קענסט נישט טון וואס דו ווילסט. דו טארסט נישט צונעמען יענעמס פרוטה, דו מוזט אכט געבן אויף יעדע זאך. איך וויל רעדן, איז דא א גאנצע ליסטע וואס דו טארסט נישט רעדן. דו טארסט נישט זאגן א ליגענט, טארסט נישט טשעפענען דיין חבר, אונאת דברים, א ווארט וואס דו זאגסט אים, און דו האסט אים ווי געטון, האסטו עובר געווען אויף א לאו אין די תורה. דו טארסט נישט רעדן קיין לשון הרע, מוציא שם רע, שקר, רכילות, ניבול פה. די תורה איז אן עול, מען קען נישט אלעס רעדן. דו ווילסט עפעס זעהן, דו קענסט נישט אלעס זעהן, און מען טאר נישט אלעס זעהן, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם. איך וויל טראכטען, מען טאר נישט אלעס טראכטען. מען מעג טראכטען אין תורה, אבער וואס א יוד טאר נישט טראכטען, איז דא א איסור פון לא תתורו אחרי לבבכם. די תורה איז אן עול. קומט דאך אויס, אז דער אייבערשטער האט אונז באשאפן, און ער האט ארויפגעלייגט אן עול אויף אונז, ער וויל אונז שלעכט מאכן, איך קען נישט רעדן, און איך קען נישט זעהן, און איך קען נישט גיין, אין אלעם בין איך געבינדן.

**אבער** באמת, **דאס וואס א מענטש האט אן עול, איז די גרעסטע טובה וואס דער אייבערשטער האט מיט אונז געטון.** ווייל לאמיר אנקוקן א גוי וואס האט נישט אן עול, ער קען אלעס טון, ער קען אלעס זעהן, ער קען גיין איבעראל, פירט ער זיך דען אויף שענער פון אונז, האט ער א בעסערע לעבן פון א יוד, בכלל נישט. ווייל אזוי ווי ער איז נישט געצוימט אין גארנישט, גנב'ט ער, און ער גזל'ט, און ער רעדט אויף די גאס אזוי ווי א שחור רעדט. זיין גאנצע התנהגות, ער האט נישט א שטוב, ער האט נישט א ווייב, ער האט נישט קיין קינדער, זיין גאנצע לעבן איז א הפקר'דיגע לעבן, אן א צופרידענהייט. **אבער מיר יודען זענען ב"ה צופרידן, מיר האבן פיינע שטובער, ערליכע קינדער, וואוילע שטובער, שטובער פון נחת, ווייל מיר האבן אן עול. מיר זענען מיט גדרים וסייגים, מיר טוען נישט אלעס, מיר קענען נישט אלעס טון, עס האלט די מענטש אין די ראמען, וואס ער קען טון, און וואס נישט.**

**ווען** טאטע און מאמע פארלאנגען א עול פון א קינד, איז עס נישט ווייל זיי זענען שלעכט צום קינד, זיי ווילן שווער מאכן פארן קינד, נאר ווייל זיי ווילן דיר ערציען. ווייל איך וויל דו זאלסט אויסוואקסען א נארמאלער מענטש, פארלאנג איך פון דיר דו זאלסט גיין שלאפן באצייטנס, און

דו זאלסט גיין עסן באצייטנס, דא גיי נישט, און דא קום נישט, ווייל דאס איז די טובה פונעם קינד. **וועז מען קומט אין א ישיבה, וואס דער מנהל, דער מגיד שיעור, דער ראש ישיבה, דארפן ערציען די בחורים, אז עטץ זאלסט קענען אויסוואקסען נארמאלע ערליכע יונגעלייט, איז דער וועג, אז מען זאל זיין אראפגעבינדען צו זיצן און לערנען, און אויסוואקסען א בן תורה, און שטייגען אין תורה. דער עול וואס מען לייגט ארויף, דאס איז די גרעסטע טובה וואס מען קען טון.**

**און** דאס בעסטע קען מען דאס פארשטיין, ווען מען זעהט א קליין קינד, וואס פארשטייט נאך גארנישט, און מען זאגט פארן קינד, גיי נישט אויפן גאדער. דאס קינד פארשטייט נישט, פארוואס קען איך נישט גיין, וואס איז א חילוק ווי איך גיי. אבער דער טאטע ווייסט, אז אויב ער וועט גיין אויפן גאדער, קען פאסירן מיט אים אן אומגליק. און טאמער ער זעהט אים אמאל אראפגיין אויפן גאדער אליין, גיט ער אים צוויי גוטע פעטש, אז ער זאל געדענקען, אז מער זאל ער נישט גיין. פארוואס, ווייל ער מיינט די טובה פונעם קינד. ער וויל נישט מצער זיין דאס קינד, ער ווייסט אז דאס איז די טובה פונעם קינד, אז דאס קינד זאל זיך אכט געבן, נישט צו טון וואס מען דארף נישט, ווייל ער קען געשעדיגט ווערן. - דאס זעלבע איז עול תורה, דער באשעפער האט ארויפגעלייגט אויף אונז אן עול תורה, פאר אונזער טובה. כדי מיר זאלן זיך קענען פירן ערליך, און אויסוואקסען א ישראל אשר בך אתפאר.

**עס** איז געווען צייטן ווען עס איז געווען צרות פאר כלל ישראל, מען האט מיטגעמאכט א שיעבוד און אן עינוי. מיר ווייסען נישט די דרכי ה', מיר קענען נישט די דרכי ה', אבער אז דער אייבערשטער האט עס געטון, קענען מיר זיך פארלאזן אז עס איז א טובה. די גרעסטע חסד וואס דער באשעפער האט געקענט טון איז, אז יודען זאלן זיין אין מצרים מיט קישוי השיעבוד, כדי מען זאל זיך קענען אויסלייטערן, און בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, מען וועט זיין ראוי צו קבלת התורה. ווען עס איז נישטא קיין מצרים, איז נישטא קיין כור הברזל, איז נישטא וואס עס זאל מזכך זיין יודען, און מען קען נישט צוגיין צו קבלת התורה. די גרעסטע טובה וואס דער אייבערשטער האט געטון איז, אז מען האט מזכך געווען יודען אין מצרים, אז מען זאל קענען צוקומען צו קבלת התורה.

**משה** רבינו פרעגט דעם אייבערשטען למה הרעותה לעם הזה, פארוואס האט מען שלעכטס געטון. זאגט דער אייבערשטער, איך טו שלעכטס?! איך בין דער מקור הטוב! דאס וואס איך טו, איז נאר טובות פאר ענק. אמאל איז די טובה פאר א מענטש אז מען גיט אים גוטס, און אמאל איז די טובה ווען מען גיט אים צוויי פעטש, אלעס ווענדט זיך אינעם מצב ווי אזוי מען איז.

**ווען** משה רבינו האט געפרעגט, למה הרעותה לעם הזה, האט דער אייבערשטער גערעדט מיט אים שטרענגע רייד, וידבר אלקים אל משה, על שהקשה לדבר ולומר למה הרעותה. פארוואס פרעגסטו אזא קשיא, פארוואס איך האב שלעכטס געטון, איך טו נישט קיין שלעכטס, ויאמר אליו אני ה', דער אייבערטער האט אים געזאגט אן אמירה רכה, וואס איך טו, איז אן אמירה רכה, אני ה', איך בין דער שם פון מדת החסד, וואס איך האב געטון, איז נאר גוטס.

**און** דאס דארף מען שטענדיג געדענקן, אז **ווען עס איז דא אן עול, מען פאדערט פון אים, מיינט עס נישט אז מען וויל אים ווי טון, מען וויל זיך אויף אים ארויפלייגן. ווען מען ווערט אביסל עלטער, און מען קומט צום שכל, בענקט מען זיך צוריק אויף דעם עול וואס מען האט געהאט אין די יונגע יארן. און מען פרעגט נאך, פארוואס האט מען נישט ארויפגעלייגט אויף אונז א גרעסערן עול, וואלטן מיר געקענט נאכמער פארלאנגען פון אונז, און מיר וואלטן געקענט נאך שענער אויסוואקסען פון וואס מיר זענען. ווייל דער עול וואס ווערט ארויפגעלייגט פון תורה, דאס איז נישט אן עול, דאס איז א גליק פאר א יוד, אז ער האט אויף זיך אן עול.**

**ווען** א יונגעל ווערט בר מצוה, מאכט מען א סעודה. וואס איז די סעודה, ביז יעצט איז ער געווען פטור פון אלע מצוות, ער האט גארנישט

געדארפט טון, אלעס איז גוט געווען, און יעצט באקומט ער עול התורה והמצות. און פונדעסטוועגן דאך פרייט מען זיך, ווייל מען פארשטייט אז דאס איז די גליק פון א יוד, אז ער האט אויף זיך אן עול. ווען משה רבינו האט געפרעגט למה הרעותה לעם הזה, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אני ה', איך בין נישט קיין מדת הדין, איך בין מדת הרחמים. דער דין וואס זיי גייען אדורך, דאס איז אויך רחמים. שווריקייטן וואס א בחור מאכט אסאך מאל מיט, דאס איז זיין רחמים, דאס איז זיין טובה. אלע שוועריקייטן וואס מען גייט אדורך, איז נאר מיט א תכלית, אז מען זאל קענען אדורכגיין דעם נסיון, און זיך קענען מתגבר זיין, און זיך צוריקשטעלן, און אויסוואקסען צו וואס מען דארף צוקומען.

*

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, ווען דער אייבערשטער האט געוואלט ארויסנעמען יודען פון מצרים, האט ער געברענגט אויף פרעה מכות. ער האט אנגעהויבען מיט איין מכה, און נאכדעם א צווייטע און א דריטע מכה ביז מכת בכורות, און ערשט דעמאלטס האט פרעה ארויסגעלאזט די יודען פון מצרים. אלע ניין מכות וואס ער איז אדורכגעגאנגען האט אים נישט גערירט, און מען איז געבליבען דארט ווי מען איז געווען. וואס האט דער אייבערשטער אויפגעטון מיט די ניין מכות? דער אייבערשטער האט דאך געוואוסט, אז ואני אחזק את לבו (שמות ד-כא), וואס איז געווען דער תכלית וואס דער אייבערשטער האט דא געטון, אז ער האט געוויזען די אלע מכות אין מצרים, און ערשט ביי מכת בכורות זענען יודען ארויסגעגאנגען פון מצרים.

**שטייט** אין הייליגע ספרים, אז די נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון ביי די מכות אין מצרים, איז נישט געווען פאר פרעה. מיט פרעה קען זיך דער אייבערשטער א עצה געבן, מיט איין קלאפ וואס ער באקומט, וועט ער ארויסלאזן די יודען פון מצרים. מען דארף נישט צוקומען צו מכת בכורות, ער וואלט שוין פריער ארויסגעלאזט. נאר דער אייבערשטער האט מקשה געווען זיין הארץ, אז ער זאל נישט ארויסשיקן, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט, אז יודען אליין זאלן זעהן מיט די אויגן די גרויסקייט פונעם אייבערשטען. די יודען וואס זענען געווען אין מצרים, און זיי האבן צוגעקוקט וואס דא גייט פאר, די אלע נסים ונפלאות וואס געשעהט דא, עס קומט א כנים, עס קומט א ערוב, עס קומט שחין און ברד, אומפארשטענדליכע זאכן, מען האט נישט געקענט לייקענען אז עס איז נישטא קיין בורא עולם, אז עס נישטא א באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט. פון זיך אליין קען דאך אזא זאך נישט פאסירן. משה רבינו קומט, און ער זאגט פונקטליך ווען די מכה וועט קומען, און ווען עס וועט אוועקגיין, זעהט מען אז עס איז פונעם אייבערשטן. די גרעסטע אמונה וואס יודען האבן באקומען, איז געווען אין די צייט וואס מען איז געווען אין מצרים. דער דור האט צוגעזען מיט די אויגן די נסים ונפלאות, אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

**ווען** מיר זאלן זעהן היינט אזעלכע נסים ונפלאות, ווען עס זאל היינט פאסירן, וואלט דען איינער געהאט עפעס א הוה אמינא אין אמונת ה', צו וויסען אז דער אייבערשטער איז א משגיח אויף דער וועלט, און ער קוקט זיך אום. ער זעהט דאך עס מיט די אויגן, עס איז זיך נישט שייך צו דינגען דערמיט. דער אייבערשטער האט געמאכט דעמאלטס די נסים, נישט צו צווינגען די מצריים אז זיי זאלן ארויסלאזן די יודען, נאר דער באשעפער האט געוואלט, אז מיר זאלן זעהן אז עס איז דא א גרויסער באשעפער אויף די וועלט. דער אייבערשטער האט אנגעהויבן ביי מתן תורה, אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים, דו ביסט געווען דארט, און דו האסט געזעהן ווי אזוי מען האט דיך ארויסגענומען פון מצרים, דו האסט געזעהן קריעת ים סוף, דאס איז נישט א נארמאלע זאך, מען זעהט אז עס איז דא א באשעפער וואס האט עס געטון. די אלע נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון דעמאלטס איז געווען אריינצוברענגען אין יודען די אמת'דיגע אמונה, אז מען זאל זעהן מיט די אייגענע אויגן, ווי אזוי דער אייבערשטער האט ארויסגענומען יודען פון מצרים.

*

**און** דער פלא איז נאך גרעסער, ביי די ערשטע מכות די וואך אין די פרשה, האבן די מצריים נאכגעמאכט, זיי קענען אויך די זעלבע חכמה. משה רבינו האט אראפגעווארפען דעם שטעקן און עס איז געווארן א שלאנג, זענען געקומען די חרטומים און זיי האבן אויך געטון די זעלבע. זיי האבן אויך אראפגעווארפען א שטעקן, און עס איז געווארן א שלאנג. די מכה פון דם, זיי קענען אויך מאכן אז פון וואסער זאל ווערן דם. צפרדע, זיי קענען אויך מאכן צפרדע. נאר ביי די מכה פון כנים, דארט האבן זיי שוין געזאגט אצבע אלקים הוא (ח-טו), דאס קענען מיר נישט באשאפן, דאס איז אן אצבע פונעם אייבערשטען. דער באשעפער האט דאך געוואוסט אז די ערשטע דריי זאכן קענען זיי נאכמאכן, פארוואס האט דער אייבערשטער בכלל געברענגט אזא מכה וואס מען קען נאכמאכן. וואס איז געווען די תכלית, אז דער אייבערשטער האט געברענגט אויף זיי אזעלכע זאכן, וואס די חרטומים אין מצרים האבן געקענט נאכמאכן.

**שטייט** אין הייליגע ספרים אז דער ביאור דערפון איז, ווען עס וועט אריינגעקומען אן עם הארץ אין בית המדרש, וואס ער קען נישט אסאך, און ער וועט אנהייבען צו שמועסן מיט א בחור אין לערנען, און דער בחור וועט אים ענטפערן א משנה, אדער א פסוק אין חומש, וועט ער ארויסגיין און ער וועט זאגן, אה, דער בחור איז א גרויסער תלמיד חכם. ער האט געוואוסט א משנה, ער האט געוואוסט א פסוק אין חומש, וואס ער ווייסט נישט. ווער קען געבן אויף דעם וואס ער זאגט אז ער איז א תלמיד חכם, ער פארשטייט ממילא נישט צו תורה, זאגט ער אז ער איז א תלמיד חכם. אבער ווען עס קומט אריין דער סערעדנא רב, און ער פארהערט סימן שי"ט, און ער זאגט נאכדעם אז מען האט זייער פיין געקענט, דאס איז שוין א קאמפלימענט. ווען איינער וואס קען אליין לערנען פארהערט, און ער זאגט נאכדעם עדות אז מען האט געקענט, דאס איז א סימן אז מען קען טאקע.

**פרעה** האט געזאגט ביי די דריטע מכה פון כנים, אצבע אלקים הוא. פרעה איז אן אלטער פארצייטישער גוי, וואס פארשטייט נישט קיין סאך, ער האט געזעהן כנים האט ער זיך דערשראקן, און ער האט געזאגט אז עס איז אן אצבע אלקים. האט דער אייבערשטער געוויזען, אז מען האט דא צוטון מיט געוואלדיגע חכמים, מען האט צוטון מיט חכמים וואס קענען מאכן פון א שטעקן א שלאנג, זיי קענען מאכן פון וואסער בלוט, זיי קענען באשאפן צפרדע, עס איז נישטא היינט אין די וועלט אזא חכם וואס זאל עס קענען טון. ווער קען היינט מאכן פון א שטעקן א נחש, ווער קען היינט מאכן פון וואסער דם, מען האט דא צוטון מיט געלערנטע מצריים וואס זענען חרטומים, זיי קענען מאכן בלטיהם. און זיי זאגן נאכדעם, אז עס איז אן אצבע אלקים וואס האט דאס געטון, קען מען גלייבען אז עס איז אן אצבע אלקים. אז זיי האבן שוין אלע געהאט אזעלכע חכמות וואס זיי האבן געקענט טון, און זיי האבן דאס נישט געקענט באווייזען, איז א סימן אז דאס וואס דער אייבערשטער האט יעצט געברענגט איז העכער פון די השגה.

**און** דאס איז געווען דער כח מיט וואס יודען זענען אריינגעגאנגען צו קבלת התורה, ווען מען איז ארויסגעקומען פון מצרים. דאס וואס מען האט צוגעזעהן די אלע נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון אין מצרים, און מען האט מיטגעלעבט די אמונה וואס האט געשיינט פאר די אויגען, מען האט זיך נישט געקענט דינגען דערמיט, מען האט צוגעזעהן וואס עס האט אלץ פאסירט, דאס האט געגעבן די כח נאכדעם, אז מען זאל זיך אונטערווארפען אונטערן אייבערשטען, און מען זאל מקבל זיין אויף זיך עול תורה. און יודען האבן תיכף געזאגט, כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע, מען גייט מקבל זיין א גאנצע תורה, מען ווייסט אפילו נישט וואס דער אייבערשטער וועט אונז געבן, אבער קודם נעשה און נאכדעם נשמע, מיר זענען גרייט צו טון. מען זעהט דאך אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, ער פירט אלעס, און מיר זענען אלע אין זיין האנט, איז זיך נישט שייך צו דינגען, צו איך וויל יא צו איך וויל נישט, איז דאך על כרחך אז מען דארף מסכים זיין וואס דער אייבערשטער וויל. דער ענין וואס דער באשעפער האט צוגעוויזען די אלע מכות אין מצרים, דאס האט געגעבן דעם חיזוק און דאס שטארקייט פאר

יודען זיך מדבק זיין צום אייבערשטען, און נאכדעם גיין מקבל זיין די תורה.

*

**און** דאס אליין איז נאכנישט גענוג, סוף כל סוף מען רעדט דאך פון יודען וואס זענען געווען פארשקלאפט אזויפיל צייט אין מצרים, נישט געלערנט, נישט געדאווענט, נישט געהאט קיין עבודת ה', געארבעט פון צופרי ביז ביינאכט, זעקס טעג א וואך, ווי קענען זיי ווערן אן עם הנבחר און מקבל זיין די תורה. האט דער אייבערשטער זיי קודם ארויסגענומען אין מדבר, מען האט זיך קודם ארומגעדרייט זיבן וואכן אינעם מדבר. און דער אייבערשטער האט ממטיר געווען לחם מן השמים, מען האט אונז געגעבן צו עסן הייליגע מאכלים, לחם שמלאכי השרת אוכלים אותו (יומא עה:), ברויט וואס מלאכים עסן. **און אז מען עסט הייליגע מאכלים, באקומט מען א הייליגן גוף. אז מען עסט מאכלים פון טריפות, באקומט מען א טריפה'נעם גוף, ווען מען עסט מאכלים פון תאוות, באקומט מען א גוף פון תאוות, און דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אינעם מדבר לחם מן השמים, הייליג ברויט, וואס דאס האט מזכך געווען דעם מענטש.** פון וואס איז א מענטש צוזאמגעשטעלט, פון וואס ווערט זיין בלוט און פלייש, פון דאס וואס ער עסט. פון זיין פרישטאג און פון זיין נאכטמאל, פון דעם ווערט ער. **אז מען עסט ערליך, באקומט מען אן ערליכע גוף, אז מען עסט ווי א גוי עסט, באקומט מען א גוי'שע גוף.** דאס עסן פונעם מענטש, דאס איז דער מענטש. כדי יודען זאלן זיין ראוי צו קענען נעמען אויף זיך עול התורה, דאס קען נישט קומען פון זיך אליין, דער אייבערשטער האט זיי קודם געדארפט מקדש געווען מיטן עסן, און ער האט זיי געגעבן מן אינעם מדבר, לחם שמלאכי השרת אוכלים אותו, און מיט דעם האט מען געקענט נאכדעם צו גיין צו קבלת התורה.

**וואס** דאס איז א מוסר השכל פאר אונז אויך, **אמאליגע צייטן האבן ערליכע יודן געפאסט תעניתים אין די ימי השובבי"ם, און געמאכט סיגופים פארן גוף, וואס דאס איז זאכן וואס מיר האבן נישט היינט קיין כח דערצו. פון אונז פארלאנגט מען נישט צו פאסטן, פון אונז פארלאנגט מען צו עסן, מיר דארפן האבן כח. אבער מען דארף עסן ערליך, עסן ווי א יוד דארף צו עסן, מאכן ערליך א ברכה, און בענטשען ערליך אויף דעם וואס מען עסט. עסן וויפיל מען דארף האבן, נישט עסן לשם תאוה. עסן ווי א יוד עסט, א יוד עסט נישט ווי א גוי, ער כאפט נישט אריין א סענדוויטש אויף די גאס, און ער בייסט נישט אריין, נאר ער וואשט זיך קודם די הענט, מקדש זיין די הענט, און אזוי זעצט ער זיך אראפ צום טיש, און ער עסט מיט א ערליכקייט. און אז מען עסט ערליך, באקומט מען אן ערליכע גוף.** תורה ווערט נקנה במיעוט אכילה און במיעוט שתיה (אבות ו-ד), עס איז נישט נאר פשט אז מען זאל נישט נאכגיין נאך סיגופים, נאר דאס אליין וואס מען איז מקדש דעם גוף, האט ער אן ערליכע גוף, א הייליגע גוף, וואס איז נתקדש געווארן דורך דעם ווי אזוי מען האט געגעסן. און דאס גיט צו, אז מען זאל קענען שפעטער מקבל זיין די תורה, און זיין דבוק אין תורה.

*

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, אז אמאל שטייט משה פריער, און אמאל שטייט אהרן פריער. איינמאל שטייט הוא אהרן ומשה (שמות ו-כו), און איינמאל שטייט הוא משה ואהרן (שם ו-כז). געווענליך איז מען מקדים קודם דעם חשוב'ען, איינמאל שטייט אהרן מיט משה, וואס דאס מיינט אז אהרן איז חשוב'ער, און נאכדעם קומט משה, און איינמאל שטייט הוא משה ואהרן. און רש"י זאגט, אז זיי זענען געווען שקולים, משה מיט אהרן זענען די זעלבע, און צו ווייזען אז זיי זענען איניג, שרייבט די תורה אמאל משה קודם, און אמאל אהרן קודם. די וועלט פרעגט, ווי אזוי קען זיין אז זיי זענען איניג, ולא קם נביא עוד בישראל כמשה (דברים לד-י), אהרן איז נישט געווען אזא נביא ווי משה רבינו. און בכלל, ווי אזוי קענען צוויי מענטשן זיין איניג. איר האט שוין געזען צוויי בחורים, וואס זענען פונקט די זעלבע שקול, איינער איז נישט מער פונעם צווייטען, און אלץ זענען זיי אין די זעלבע מדריגה.

**די** וועלט זאגט נאך פון איינע פון די צדיקים, אז אזוי ווי משה מיט אהרן האבן געזאגט, ונחנו מה

(שמות טז-ח), מיר זענען גארנישט, זיי האבן זיך געהאלטן אז זיי זענען גארנישט. צוויי גארנישט'ס זענען אייניג. ווען עס איז עפעס מיט עפעס, דעמאלטס איז עס נישט אייביג די זעלבע. אבער גארנישט מיט גארנישט זענען ביידע אייניג, זענען זיי געווען שקולים זה כנגד זה.

**דער** ביאור דערפון איז, אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (ע"ז ג.), **דער אייבערשטער פארלאנגט נישט פון א מענטש מער פון זיינע כוחות. מען פארלאנגט נאר פון דיר, טו וואס דו קענסט. וואס איז אין דיינע כוחות אנצוקומען, דאס דארפסטו צו טון.** עס איז דא מענטשען וואס האבן גוטע קעפ, און זיי קענען מצליח זיין אין תורה, און עס איז דא מענטשען וואס האבן שוואכע קעפ, ער פארשטייט קוים א פסוק חומש. ווען ער וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט, וועט מען אים נישט פרעגן, פארוואס האסטו נישט מסיים געווען ש"ס. ווי קום איך צו ש"ס, איך פארשטיי קוים א משנה, ווי אזוי קען איך מסיים זיין ש"ס. וועט מען אים זאגען, פיין, דו האסט נישט געקענט לערנען גמרא מיט תוספות בעיון גאנץ ש"ס, פיין, אבער גמרא מיט רש"י האסטו געקענט לערנען, האסטו געלערנט גמרא מיט רש"י גאנץ ש"ס. אויב האסטו דאס אויך נישט געקענט, אבער משניות האסטו געקענט לערנען, חומש מיט רש"י האסטו געקענט לערנען. מען וועט פרעגן יעדן איינעם לויט זיין מהות, לויט זיין מדרגה, צו ביסטו אנגעקומען צו די מערסטע וואס דו קענסט אנקומען. **מען פארלאנגט נישט אין א ישיבה אז יעדער בחור דארף זיין די זעלבע אייניג, און ער דארף אויסוואקסען די זעלבע. מען פארלאנגט אבער פון יעדן איינעם, טו די מאקסימום וואס דו קענסט טון, ווען דו האסט געטון די מערסטע וואס דו פילסט אז מען קען טון, דו האסט אויסגענוצט יעדע מינוט צו לערנען, דו האסט נישט מסיח דעת געווען, און געלערנט שעות רצופות, אפילו דיין קאפ איז נישט אזוי שטארק ווי יענעמס קאפ, דו האסט נישט אזוי גוט פארשטאנען ווי יענער, דיין זכרון איז נישט אזוי ווי יענער, אבער אז דו טוסט וויפיל דו קענסט אנקומען, האסטו געטון דיין גרעסטע השתדלות, דו ביסט אנגעקומען ביז אויבען. ווען מען מעסט א מענטש, מעסט מען נישט וויפיל ער קען, נאר מען מעסט אים וויפיל האסטו געטון אנצוקומען צו וויפיל דו קענסט אנקומען, און טאמער ער האט געטון אלעס ער זאל קענען אנקומען וויפיל ער קען, האט ער געטון זיין שלימות.**

**כל** ישראל יש להם חלק לעולם הבא, שנאמר (ישעיה ס-כא) ועמך כולם צדיקים, לעולם יירשו ארץ, נצר מטעי מעשי ידי להתפאר (סנהדרין צ.). ווען מען פלאנצט איין צוויי ביימער, מען פלאנצט איין טרויבען, און מען פלאנצט איין עפל. וועט מען דען האבן א טענה אויף דעם עפל בוים, פארוואס ער האט נישט ארויסגעגעבן טרויבן. וועט מען האבן א טענה צו די טרויבען פארוואס ער האט נישט ארויסגעגעבן עפל. עס איז נישט מעגליך. מיין מין איז נישט דער מין וואס קען ארויסגעבן יענע פרי. ווען מען וויל יא וויסען צו דער עפל האט געטון די ארבעט וואס מען דארף צו טון, אויב די עפלעך זענען שיינע עפלעך, ער האט ארויסגעגעבן די בעסטע וואס דער בוים קען ארויסגעבן, דאס איז טייטש אז ער האט מצליח געווען. טאמער די טרויבן האבן ארויסגעגעבן די בעסטע טרויבן, האבן זיי מצליח געווען. די וועלט זאגט, אז עס איז דא א בחור א פאטעטא, און עס איז דא א בחור א טאמעטא. פון א פאטעטא קען נישט ווערן א טאמעטא. אויב זיין קאפ איז נישט צוגעשטעלט דערצו, קען ער נישט. אבער פון א פאטעטא פארלאנגט מען, זיי כאטש א גוטע פאטעטא, און פאר א טאמעטא זאגט מען, אז ער זאל זיין א גוטע טאמעטא. יעדער איינער דארף טון די בעסטע וואס ער קען, ארויסצוקומען מיט זיין שלימות.

**משה** מיט אהרן, האט משה געהאט מדריגות וואס אהרן האט נישט געהאט, משה רבינו איז געווען א נביא ה', דעם **חתם סופר'ס** לשון איז, ער איז געווען מער קדוש און פרוש פון אהרן, אזוי שרייבט דער הייליגער **חתם סופר** (פ' בשלח עד. ד"ה ועפ"ז). משה רבינו'ס קדושה און פרישות איז געווען א העכערע קדושה און א העכערע פרישות פון אהרן. אהרן האט געהאט אנדערע מעלות און אנדערע מדריגות. אהרן איז געווען אוהב את הבריות ומקרבן לתורה (אבות א-יב). אבער זיי זענען געווען שקולים, זיי זענען געווען ביידע אייניג. וואס משה רבינו האט געקענט טון, איז ער

אנגעקומען ביז צום שפיץ, ער האט געטון אלעס וואס איז געווען בכוחו לויט זיין מהות אנצוקומען ביז צו די העכסטע מדרגה. אהרן האט אויך געטון די זעלבע, וואס עס איז געווען זיין העכסטע מדרגה וואס ער קען צוקומען, האט ער געטון. זיי זענען שקולים, אין הימל זענען זיי אייניג. משה רבינו האט נישט אין הימל מער חשיבות פון אהרן, און אהרן האט נישט מער חשיבות פון משה. ווען עס זאל ארויפקומען א פשוטער יוד אויף יענער וועלט, און דער אייבערשטער וועט וויסן דעם אמת, אז ער האט געטון אלעס וואס ער האט געקענט טון צו שטייגען, איז ער ביים אייבערשטען חשוב ווי משה רבינו. און דאס זאגט דער רמב"ם (הל' תשובה ה-יא), אז יעדער קען זיין ווי משה רבינו. עס איז נישט דא היינט א נביא וואס קען זיין ווי משה רבינו. אבער משה רבינו איז געווען דער מובחר האנושי, ווייל ער האט געטון די מאקסימום צו וואס ער קען צוקומען, און דאס קען יעדער מענטש טון. און טאמער טוט ער עס, איז ער ביים אייבערשטען חשוב ווי משה רבינו. אהרן מיט משה זענען שקולים, ווייל ביידע האבן געטון די מערסטע וואס מען קען.

**און** דאס גיט א געוואלדיגען חיזוק. **אמאל פילט איינער, אז ער איז נישט אזוי ווי דער צווייטער. דער צווייטער קען בעסער, דער צווייטער פארשטייט בעסער, דער צווייטער האט געוויסע מעלות און מדות וואס איך האב נישט. און ער פילט נישט ביי זיך, אז ער זאל קענען באווייזן צו זיין אזוי ווי דער צווייטער. זאל ער וויסן ביי זיך, טאמער טו איך דאס מערסטע וואס איך קען, איז דאס חשוב ביים אייבערשטען. ביים אייבערשטען איז חשוב ווען א מענטש טוט וויפיל ער קען צוקומען. אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו.**

**די** וועלט זאגט נאך פונעם הייליגען **רבי ר' זושא** זי"ע, אז ער האט געזאגט, אז ווען ער וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט, וועט מען אים פרעגן, זושא, פארוואס ביזטו נישט געווען אזוי ווי אברהם יצחק און יעקב. וועט ער זאגן פארן רבונו של עולם, ווי אזוי קען א פשוטער זושא זיין אברהם יצחק און יעקב, איך האב נישט קיין מורא פון די שאלה. איך האב אבער מורא אז מען וועט מיר פרעגן, זושא פארוואס ביזטו נישט געווען זושא. פארוואס ביזט נישט געווען וואס דו האסט געקענט זיין. מען האט דיך אראפגעשיקט אלץ זושא, וואס דו האסט געקענט אויסוואקסען אלץ זושא, צו ביזטו אויסגעוואקסען צו נישט. אויף די שאלה אז ער וועט נישט וויסן צו ענטפערן, האט ער א פראבלעם. אבער דאס וואס מען וועט אים פרעגן, פארוואס ער איז נישט אויסגעוואקסען מער פון וואס ער קען, דאס איז נישט קיין שאלה.

*

**עס** איז ימי השובבי"ם, מען לערנט שעות רצופות, מען דארף נישט ארויסברענגען די מעלה פון לערנען אן א הפסק, על פי הלכה טאר מען נישט מפסיק זיין אינמיטן לערנען, עס שטייט אין די גמרא (חגיגה יב:) ווען איינער לערנט און ער איז מפסיק אינדערמיט, מאכילין אותו גחלי רתמים, וועט מען אים געבן צו עסן ברענעדיגע קוילן. - מען זאגט נאך, אז עס איז געווען איינער וואס איז געזעסן און געלערנט, און איינער איז צוגעקומען און ער האט געוואלט מיט אים שמועסן. האט ער אים געפרעגט, **צו ער וועט אויך קומען עסן די קוילן צוזאמען מיט אים. צו נאר שמועסן וויל ער מיט אים, צו דעם מאכילין אותו גחלי רתמים וויל ער אויך מיט אים מיטהאלטן.** אבער בכלל לערנען שעות רצופות פאר זיך, האט א געוואלדיגע חשיבות, וואס מען ליגט אזויפיל שעות אין לערנען, און מען איז נישט מפסיק אינדערמיט.

**די** גמרא (כתובות סג.) פארציילט אויף רבי עקיבא, אז ער האט איבערגעלאזט דאס ווייב און די קינדער אינדערהיים, און ער איז אוועקגעפארן לערנען צוועלף יאר אין ישיבה. נאך צוועלף יאר האט ער זיך מיישב געווען אז ער דארף אהיימגיין, קוקען וואס עס טוט זיך ביי זיך אינדערהיים. איז ער אהיימגעקומען, און בעפאר ער איז אריין אין שטוב, האט ער געהערט ווי די ווייבער שמועסן דארט, און מען האט געזאגט פאר זיין ווייב רחל, אז דיין מאן האט דיר איבערגעלאזט אויף אזויפיל יאר, און ער קוקט זיך נישט אום אויף דיר, דו ביזט דא אליין. האט זי גערענטפערט, ווען ער זאל מיך פרעגן, וואלט איך אים געזאגט, אז ער זאל בלייבן נאך צוועלף יאר אין בית המדרש און לערנען. ווען

רבי עקיבא האט דאס געהערט האט ער זיך אויסגעדרייט, און ער איז צוריקגעגאנגען אין בית המדרש, און ער האט געלערנט נאך צוועלף יאר, און ער איז אהיימגעקומען מיט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים. און ער האט איר געזאגט, אז זיין גאנצע תורה וואס ער האט געלערנט, איז איר תורה. אין איר זכות, האט ער זוכה געווען דערצו.

**מען** זאגט נאך פון **רבי חיים שמואלביץ**, אז ער האט געפרעגט, האט מען געהערט אזוינס אז א מענטש וואס לאזט איבער זיין שטוב פאר צוועלף יאר, און ער האט זיך מטריח געווען, און ער איז צוריקגעקומען אהיים, און ער שטייט אינדרויסן ביי די טיר, און ער הערט אז מען זאגט אז ער קען צוריקגיין לערנען, זאל ער נישט אריינגיין אין שטוב זאגן פאר זיין ווייב, א גוטן, וואס מאכסטו, ווי אזוי פלאגסטו דיך מיט די קינדער, דו האסט וואס צו עסן און צו טרינקען, עס פעלט דיר עפעס, מען דארף דיר העלפען. נאר ער הייבט זיך אויף, און ער גייט אוועק. מען קען עס אסאך מאל אנקוקען ווי אן אכזריות. מילא ער וויל זיך נישט מטריח זיין אהיימצוקומען, האט מען שוין געהערט. אבער דו ביזט דאך שוין אינדרהיים, דו שטייסט ביי די טיר, און דו קומסט נישט אריין, און דו גייסט אוועק. גיי אריין אין שטוב, זאג א גוטן טאג, און גיי צוריק לערנען.

**די** פשוט'ע תירוץ איז, אז ער האט מורא געהאט, אז ווען ער וועט אריינגיין וועט מען אים שוין נישט לאזן צוריקגיין. מען זאגט נאר אזוי, ווילאנג מען איז נאכנישט דא, אבער איינמאל מען קומט אריין אין שטוב, ווערט שוין אנדערש דער מצב, און מען טוישט זיך פון וואס עס איז געווען. האט ער נישט געוואלט פראבירן, איז ער צוריק געגאנגען.

**האט** **רבי חיים שמואלביץ** געזאגט, רבי עקיבא האט געלערנט צוועלף יאר רצופות, איז ער אויסגעוואקסן א רבי עקיבא. ווען ער איז אהיימגעקומען, אויב ער וואלט אריינגעגאנגען אין שטוב, און נאכדעם צוריק געפארן לערנען נאך צוועלף יאר, וואלט ער געלערנט צוויי מאל צוועלף יאר, מיט א הפסק אינדערמיט. צוויי מאל צוועלף, איז נישט קיין פיר און צוואנציג יאר לערנען. פיר און צוואנציג יאר לערנען איז א אנדערע מהות, ווי צו לערנען צוויי מאל צוועלף יאר.

**דאס** איז דער מוסר השכל דערפון, מען קען לערנען א שעה, און מען קען לערנען פינף שעה. פינף שעה וואס מען לערנט, און מען איז מפסיק, און מען לערנט נאך פינף שעה, איז נישט קיין דמיון צו איינמאל צען שעה. שעות רצופות וואס א מענטש זיצט און ער לערנט פלייסיג, דאס טוט אויפהייבן דעם מענטש. און רבי עקיבא האט זוכה געווען צו וואס אנדערע תנאים האבן נישט זוכה געווען. רבי עקיבא איז געווען פון די העכסטע תנאים, ער איז געווען פון די עשרה הרוגי מלכות. עס איז דא א לשון אין מדרש (פ' חוקת יט-ו), אז רבי עקיבא האט משיג געווען אין תורה, מער וויפיל משה רבינו האט משיג געווען. און אזוי זאגט אויך די גמרא (מנחות כט:), אז משה רבינו האט געבעטן פונעם אייבערשטען, איך וויל זעהן רבי עקיבא, האט אים דער אייבערשטער געוויזען ווי רבי עקיבא לערנט מיט די תלמידים, און משה רבינו האט זיך אראפגעזעצט ביי די אכטע שורה, און ער האט נישט פארשטאנען די תורה פון רבי עקיבא. אזוי קוקט אויס ווען מען לערנט שעות רצופות. נישט שעות רצופות פון דריי שעה, נאר שעות רצופות פון פיר און צוואנציג יאר אין א צו.

**מען** לערנט פלייסיג, מען לערנט שעות רצופות, זאל דער אייבערשטער געבן מען זאל קענען ווייטער אויך אנהאלטן און פלייסיג לערנען. **א יוד דארף זיך מקדש זיין, די תורה האט א חשיבות ווען מען לערנט תורה בטהרה. יראת ה' טהורה עומדת לעד** (תהלים יט-י)**, ערליכע תורה, ריינע תורה, האט אסאך מער חשיבות, פון תורה וואס איז שלא בטהרה. אז מען לערנט ערליך, און מען היט זיך די אויגן ווען מען גייט אויף די גאס, מען איז נישט אינטערעסירט צו וויסען און צו זעהן אלעס וואס טוט זיך אויף די גאס, נאר איין זאך, זיצען אין בית המדרש און לערנען. די גאנצע שאיפה, אפילו ווען איך בין אינדערהיים, וויל איך אויך נאר צוריקקומען אין בית המדרש און לערנען. איך וויל אי"ה דעם זמן ענדיגען א מסכת, איך וויל דעם זמן קונה זיין תורה, קונה זיין תפלה, זיך אויסלערנען צו דאווענען, דאווענען מיט א קול, דאווענען מיט כוונה, קונה זיין**

**מדות טובות, איבערארבעטן מיינע מדות צו זיין אן איידעלער ערליכער בחור, און אויסוואקסען איידל און ערליך. איז הבא ליטהר מסייעין אותו** (שבת קד.), גיט דער אייבערשטער סיוע, און מען שטייגט אסאך און אסאך מער ווי מען טראכט, און ווען מען האט סייעתא דשמיא, קומט מען אן זייער ווייט. זאל דער אייבערשטער געבן מען זאל קענען לערנען תורה ערליך, און דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת וארא***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה גרינהוט** הי"ו (חתן הר"ר **אברהם יודא האפפמאנן** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דער בעל הטורים** (ח-יט), ברענגט צו א מסורה, ווי עס ווערט צוגעברענגט דריי מאל דאס ווארט פדות. ושמתי פדות בין עמי ובין עמך, מחר יהיה האות הזה (ח-יט), און אין תהלים ווערט דערמאנט צוויי מאל דאס ווארט פדות, פדות שלח לעמו צוה לעולם בריתו (תהלים קיא-ט), כי עם ה' החסד והרבה עמו פדות (שם קל-ז). און דער **בעל הטורים** זאגט, אז עס דא א חילוק צווישן די דריי מאל פדות. דאס ווארט פדות וואס שטייט די וואך אין די תורה, איז חסר וא"ו, אבער די אנדערע צוויי פדות, פדות שלח לעמו, און והרבה עמו פדות, איז מלא, מיט א וא"ו אינווייניג, און ער זאגט על פי דרכו אויף וואס עס איז מרמז.

**עס** קען אפשר זיין דער ענין דערפון, מען ווייסט אז יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים פארן זמן. און עס איז דא דערויף כמה תירוצים, איינע פון די תירוצים איז, אז שאר הגליות זענען משלים. ולא יכלו להתמהמה (שמות יב-לט), מען האט נישט געקענט בלייבען לענגער, אויב יא וואלט מען אריינגעגאנגען אין די חמשים שערי טומאה, האט מען געמוזט ארויסגיין פון מצרים, און מען האט געמוזט אפצאלען דעם חוב שפעטער. און דאס איז די גליות'ן וואס מען גייט אדורך, משלים צו זיין וואס מען האט דעמאלטס פארפעלט.

**נאך** א תירוץ שטייט אין **חתם סופר** (תורת משה פ' וארא יט:), אז הקדש מוציא מידי שיעבוד (יבמות מו.). די קדושת הברית וואס יודען האבן זיך געמל'ט, איז מוציא מידי שיעבוד. אבער דאס איז נישט אזוי פשוט, ווייל אין מדרש (ספרי במדבר ט-יח) שטייט, אז נאר שבט לוי האט זיך געמל'ט אין מצרים, אבער כלל ישראל האט מבטל געווען אין מצרים מצות מילה. אבער אין דעם טאג וואס מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים האט דער אייבערשטער געגעבן דם פסח און דם מילה, און דעמאלטס האבן זיך אלע יודען יא געמל'ט. דער אייבערשטער האט שוין גערעכנט יעצט בשעת ער האט געברענגט די מכות, אז יודען וועלן זיין קדושים, זיי גייען זיך שפעטער מל'ן, און הקדש איז מוציא מידי שיעבוד.

**זאגט** מען אזוי, כי עם ה' החסד, דער באשעפער האט געטון א חסד און ער האט געברענגט א פדות, מען איז ארויסגעגאנגען ווען עס איז נאכנישט געווען ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה, ווייל והרבה עמו פדות, עס וועט דאך זיין נאך גליות'ן, און מערערע פדות'ים, וועט ארויסקומען פון דעם.

**נאך** א סיבה איז דא, פדות שלח לעמו, דער אייבערשטער האט געשיקט א פדות פאר יודען, ווייל צוה לעולם בריתו, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון ברית מילה, און הקדש איז דאך מוציא מידי שיעבוד, ממילא זענען זיי ארויסגעגאנגען פאר די צייט. וועסטו אבער פרעגן ושמתי פדות בין עמי ובין עמך, דער אייבערשטער וועט מאכן א פדות פאר יודען, עס איז דאך פדות חסר, עס פעלט דאך פונעם פדות, די וא"ו, וואס ווייזט אויף די זעקסטע מדה, וואס איז די מדה פון מילה, איז חסר די וא"ו, ווי אזוי קען זיין אז דער אייבערשטער וועט אויסלייזן יודען ווייל הקדש איז מוציא מידי שיעבוד, עס איז דאך נאכנישט דא דער הקדש. זאגט ער אבער, מחר יהיה האות הזה, דער אות וועט זיין מחר, ווען מען וועט ארויסגיין

פן מצרים,וועט דער אייבערשטער זיי חונן דעת זיין, און זיי וועלן זיך מל זיין, איז אפילו יעצט איז די פדות חסר, אבער מחר יהיה האות הזה, דער אות וא"ו וואס פעלט, דער אות פון מילה, דאס וועט זיין מחר, דאס וועט זיין שפעטער. און דער אייבערשטער האט אין זכות פון מילה ארויסגענומען די יודען פון מצרים.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת שטיינבערג ע"ה (אלמנת הר"ר ישכר דוב שטיינבערג ע"ה).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ רבי יוסף מענדל פאנעט שליט"א** האדמו"ר מדעעש (מיאמי), שישב שבעה על פטירות בנו ע"ה.

*

***ערב שבת קודש פרשת וארא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **דוב פריעדמאן** ע"ה (וומסב"ג).

*

***שבת קודש פרשת וארא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק המהר"ם שיק זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ר"ח שבט). בברכת המזון נתכבד **הרב רבי אברהם ברוך באבאד שליט"א.**

בסעודה שלישית סיום הדברי תורה השמיע **רבינו שליט"א** דברי התעוררות לימי השובבי"ם, ועורר במיוחד על סכנת השתמשות באינטערנעט ועל החבורות השונות ששולחים דברי ליצנות ובזיון על כל קדשי ישראל. בברכת המזון נתכבד הרב **שמואל בנימין בוים** שליט"א.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז די ימי השובבי"ם, יעדער יוד מאכט א חשבון הנפש ווי ער האלט, און מען פראבירט זיך מחזק צו זיין, און זיך צוריקקערן צום אייבערשטען. **מען האט שוין כמה פעמים גערעדט וועגן די ענין פון אינטערנעט, וואס עס איז די גרעסטע נסיון וואס איז דא היינט אינעם דור. עס איז געגעבן געווארן פאר אונז, דארפן מיר זיך קענען מתגבר זיין דערויף. און וויפיל מען רעדט דערפון איז נישט גענוג, און וויפיל מען רעדט דערפון איז נאך אלץ דא אזעלכע פאר וועם עס העלפט נישט. ווייסט ער דען נישט אז עס איז נישט גוט? פארשטייט ער דען נישט מיט זיין הארץ אז עס איז נישט ריכטיג, אויב מען האט נישט א געהעריגע פילטער אויף די כלים וואס מען האט.** עס איז 'השמן לב העם הזה', אסאך מאל איז דא וואס דער אייבערשטער טוט פעט מאכן דאס הארץ, אז ער זאל ווייטער אזוי אנגיין, כדי שימות ברשעו. ער האט זיך אמאל פארזינדיגט פארן אייבערשטען, אזוי ווי דער רמב"ם (ה' תשובה ו-ג) זאגט, אמאל בחטא אחד, און אמאל מיט חטאות הרבה. און מען נעמט אים אוועק דאס הארץ, מען רעדט מוסר, און מען איז מעורר דערויף, און 'ואזניו הכבד', די אויערן ווערן אים שווער צו הערן, עס אינטערעסירט אים נישט צו הערן. ווען מען רעדט פון דעם גייט ער ארויס, ער מאכט זיך נישט צוטון. ער זעהט שוין מיט די אויגן אז עס איז נישט גוט, ער זעהט ווי ער האלט, אבער 'ועיניו השע', פאר א רשע פארמאכט מען די אויגן, ער זעהט נישט. 'פן יראה בעיניו', דער אייבערשטער טראכט, אפשר וועט ער יא זעהן מיט די אויגן אז עס איז נישט גוט, און קען זיין 'באזניו ישמע', ער וועט הערן מוסר, און עס וועט מאכן א רושם, וואס טוט ער, שפעט ער אפ פון אלעם, ער מאכט א הלצה, ער מאכט א דשא"ק פון אלעם, עס איז נישט געפערליך, עס איז נישט אזוי, עס איז נישט אזי. ער ווייסט אז עס איז נישט אמת, ער מוז אבער דאך זיך

באפעסטיגן פארוואס ער טוט אזוי, מאכט ער א ליצנות דערפון. און דער ליצנות איז דוחה מאה תוכחות. די הלצה וואס ער זאגט דערויף, דאס איז נאך ערגער ווי די גאנצע. כדי ער זאל קענען גיין אין זיין וועג, פארמאכט מען אים די אויגן, ער זאל נישט זעהן צו וואס עס ברענגט צו, עס מאכט אים אז ער זאל נישט הערן, און ער זאל נישט וועלן זיין דא.

**ווען** א מענטש זעהט אז ער האט שוין אזויפיל געהערט, און עס מאכט נישט אויף אים א רושם, דארף ער טראכטען, אז אפשר איז ער פון די וואס דער רמב"ם זאגט אויף זיי, אז מען נעמט אים צו די כח התשובה, און ער וועט בלייבן אזוי זיין גאנץ לעבן. ווי מער מען גייט אריין דערין, וועט די הכבדת הלב נאכמער ווערן. אזוי זאגט דער רמב"ם, ווי ערגער דער חטא איז, טוט דער אייבערשטער מער מכביד זיין את לבו. ווען א מענטש זעהט אז עס העלפט נישט די מוסר וואס ער הערט, און עס העלפט נישט וואס ער זעהט מיט די אויגן, ווי אזוי מענטשען גליטשען און מען פאלט אוועק פון יודישקייט. הונדערטער און טויזנטער בחורים און יונגעלייט, האבן איבערגעלאזט די שטובער, און מען גייט אוועק פון אלעם. וואס מען האט נאך נישט געהערט אזא קאטאסטראפע אויף די וועלט, און אלעס הייבט זיך נאר אן פון דעם, וואס מען איז אפען צו די וועלט, און מען דארף אלעס וויסען, און מען דארף אלעס זעהן.

**און אפילו די כשר'ע, מיט די פילטער צוזאמען, איז עס א כלי פון ליצנות. אלע זענען אפען צו די וואטס-עפ ווי אזוי מען רופט עס, וואס יעדע הלצה וואס עס פאלט איין אפצושפעטן פון יודישקייט, אפצושפעטן פון אן ערליכען יוד, אלעס באקומט מען דערויף. ער גיט טאקע א שמייכעל, און ער זאגט אז עס איז נאר א דשא"ק, עס איז גארנישט, אבער ליצנות איז דוחה מאה תוכחות.** דער הייליגער **רבי ר' מענדעלע רימנוב'ער** האט געזאגט, אז פרעה וואלט געקענט האלטן אלע יודען אין מצרים אלע יארן, און זיי לאזן אין די נ' שערי טומאה, ווען ער וואלט ארויפגעקומען אויף דעם, אז מיט ליצנות קען ער אפלאכן פון אלע נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון.

**און** דאס איז די עבודה, אז א יוד זאל זיך משים לב זיין, זיך צולייגען צום הארץ, און וויסען אז עס איז נישט די ריכטיגע וועג וואס מען טוט, נאר מען דארף זיך מקדש ומטהר זיין, אפילו נאר צו זיין א פשוט'ער יוד, א פשוטער עובד ה', מען רעדט נישט פון מדריגות, אויב ער האט א שייכות דערצו, און ער איז פארנומען דערמיט, קען מען נישט זיין א פשוטער ערליכער יוד. עומד צו זיין בנסיון אין וואס מען דארף. ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, איז א לאו אין די תורה הק'. - הבא לטהר מסייעין אותו, בעפאר עס איז דא א הכבדת הלב, בעפאר דער אייבערשטער טוט פארמאכן די דרכי התשובה, דארף מען זיך אליין כאפן, און זיך צוריקקערן צום אייבערשטען, און גיין אויפן ריכטיגען וועג.

**איך** האב געזען די וואך אין **שפת אמת**, א דבר נפלא, די מוסר השכל דערפון, יודען האבן נישט געוואלט צוהערן וואס משה רבינו זאגט, און משה רבינו האט געזאגט, הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה, פרעה הערט נישט, און יודען הערן נישט. וידבר ה' אל משה ואל אהרן ויצום אל בני ישראל (ו-יב), ער האט זיי מצווה געווען, גיי צו יודישע קינדער. זאגט דער **שפת אמת**, א דיבור פון א צדיק איז עושה רושם. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, גיי רעד צו יודען, אפילו ווען זיי וועלן דיר נישט צוהערן, און זיי פארמאכן די אויערן, און זיי ווילן נישט הערן וואס דו זאגסט, ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה, אבער די דיבור וואס זיי וועלן הערן פון דיר, וועט סוף כל סוף מאכן א רושם אין זיי. אפילו עס וועט נישט מאכן יעצט א רושם, אבער די מוסר וואס מען האט געהערט, וועט קומען א צייט, וואס עס וועט מאכן אויף זיי א רושם. עס וועט קומען א צייט, וואס עס וועט נוצען די ווערטער וואס דו האסט געזאגט. כאטש עס איז ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה, זיי האבן נישט צוגעהערט וואס משה רבינו זאגט, וידבר ה' אל משה אל אהרן ויצום אל בני ישראל. אפילו יעצט הערט מען נישט, אבער עס וועט קומען אמאל א טאג וואס ער וועט הערן. עס וועט קומען אמאל א צייט וואס ער וועט משים לב זיין אויף די דיבורים וואס ער האט געהערט, און ער וועט זיך

צוריקקערן צום אייבערשטען. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו כאטש זיי זענען אין א בחינה פון ולא שמעו אל משה, ויצום אל בני ישראל, האט ער זיי מצווה געווען אז זיי זאלן רעדן צו יודען, און זיין דיבור וועט העלפען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן מען זאל קענען אויסנוצן די טעג פאר תורה און עבודת ה', מען זאל זיך קענען מתקרב זיין צום אייבערשטען. מען דארף מרבה זיין באמירת תהלים, זיך אויסגיסען דאס הארץ פארן באשעפער. ווען מען האט אפאר מינוט זאל מען נעמען א תהלים. מען מוז נישט אויסזאגן גאנץ תהלים אויפאמאל, אפילו צוביסלעך, איין קאפיטל, צוויי קאפיטלעך, נאר מען זאל עס זאגן בכוונת הלב, צולייגען דאס הארץ צו וואס ער זאגט, נישט כמצוות אנשים מלומדה, וועט יעדער קענען טרעפן א וועג, ווי אזוי ער זאל זיך קענען מתגבר זיין אויף די נסיונות וואס מען האט.

**זאל** דער אייבערשטער העלפען מען זאל זיך קענען פירן ערליך, און גיין אויפן ריכטיגען וועג, די טעג האבן א ספעציעלע חשיבות, און א ספעציעלע קדושה, אז מען זאל קענען מתקן זיין וואס מען דארף. זאל מען זוכה זיין צו גיין אויפן ריכטיגען וועג, און אנטקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת היארצייט של חמותו **הרבנית מוואדקערט** ע"ה, שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.

# פרשת בא-יתרו כ"ט טבת – כ' שבט תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת בא***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של חמותו הרבנית הצדיקת מוואדקערט ע"ה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להבית החיים בניו דזערסי. רבינו הדליק נר על ציון של אביו זצ"ל, ועל הציון של חמותו ע"ה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל קישור החיתון של החתן **שמואל** ני"ו, בן הרה"ג רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **חיים ניסן טויבער** הי"ו. **רבינו שליט"א** האציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של ש"ב בת הר"ר **שלמה שווארץ** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **דוב פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרה"ג רבי **יואל וואלפין** שליט"א (ר"מ בישיבה גדולה) שישב שבעה על פטירת אביו ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קנ"ח סעיף ו') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זעהט די פאריגע וואך אין די פרשה, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, צו מאכן די אלע נסים און מופתים פאר פרעה אין מצרים, כדי ער זאל ארויסשיקן די יודען. די ערשטע דריי מופתים וואס ער האט געוויזען, האבן די חרטומים נאכגעטון די זעלבע. מען האט אראפגעווארפען דעם שטעקן און עס איז געווארן א שלאנג, זיי קענען אויך די זעלבע קונץ. פון די וואסער האט ער געמאכט דם, זיי האבן אויך געמאכט פון וואסער דם. צפרדע, זיי קענען אויך ברענגען צפרדע. אבער ביי די מכה פון כנים האבן זיי געזאגט אצבע אלקים, דא האבן זיי שוין נישט געקענט נאכמאכן, און זיי האבן געזאגט אז עס א אצבע אלקים. לכאורה קוקט דאך אויס, אז די אלע דריי זאכן וואס דער אייבערשטער האט געהייסען פריער אז מען זאל טון, איז געווען שלא לצורך. מען איז אין ערגעץ נישט אנגעקומען דערמיט, עס האט גארנישט געפועל'ט ביי פרעה, ווייל די חרטומים האבן דאך אויך געטון די זעלבע, איז עס נישט א מופת. א זאך וואס א חכם קען טון, ווייזט עס נישט אז דער אייבערשטער האט זיי געשיקט.

**דער** פסוק זאגט, אז נאכדעם וואס מען האט געענדיגט די מכה פון דם, ויחזק לב פרעה ולא שמע אליהם, ער האט נישט צוגעהערט צו זיי, ויפן פרעה ויבא אל ביתו, ולא שת לבו גם לזאת (ז-כב), ער האט זיך אוועקגעקערט און אריינגעגאנגען אין שטוב, און ער האט נישט צוגעלייגט דאס הארץ צו די נס וואס איז געשען. פארוואס דארף די תורה פארציילען וואס ער האט געטון נאכדעם, אז ער האט זיך אוועקגעקערט און אריינגעגאנגען אין שטוב, ולא שת לבו גם לזאת. אז דער פסוק זאגט פריער אז ער האט נישט ארויסגעשיקט די יודען פון מצרים, זעהט מען דאך אז ער האט נישט געמאכט א עסק דערפון.

**אין** רמב"ם (ה' תשובה ו-ג) שטייט, אז כאטש א מענטש האט א בחירה, סיי אויף צו טון גוטס און סיי אויף טון שלעכטס. דער רבונו של עולם פירט טאקע אלעס, אבער צו טון מצות און עבירות דאס איז תלוי אינעם האנט פונעם מענטש. אבער ווען א מענטש האט געזינדיגט, און ער וויל תשובה טון, איז נישט אייביג דא א בחירה דערויף, אז ער זאל קענען תשובה טון. דער רמב"ם זאגט, אמאל קען זיין אז א מענטש האט געזינדיגט, און זיין חטא איז אזוי הארב ביים אייבערשטען, אז דער אייבערשטער איז דן, אז זיין עונש איז, אז מען זאל מונע זיין פון אים דרכי התשובה. מען זאל צוריקהאלטען פון אים די וועגן פון תשובה, כדי שימות ברשעו, כדי ער זאל שטארבען אלץ א רשע. די לשון פון רמב"ם איז, אז אמאל קען זיין, אז מען

טוט חטא אחד, איין חטא, און די עבירה איז ביים אייבערשטען אזוי גרויס, אז עס קומט אים שוין דער דין, אז ער זאל נישט קענען תשובה טון. און אמאל קען זיין אז ער האט געטון חטאים הרבה, אסאך חטאים. זאגט דער רמב"ם, אז דאס וואס דער אייבערשטער האט מכביד געווען לבו של פרעה, אז ער זאל נישט ארויסשיקן יודען, דאס איז געווען א עונש פאר פרעה, ווייל ער האט געטון אזויפיל שלעכטס פאר יודישע קינדער, האט דער דיין אמת איינגעזעהן, אזוי איז דער הייליגער לשון פונעם רמב"ם, אז דאס דארף זיין זיין עונש, מכביד צו זיין לבו אז ער זאל נישט קענען תשובה טון. און דער רמב"ם זאגט, אז דאס איז די סיבה פארוואס די תורה פארציילט אונז אלע מופתים וואס האט גארנישט אויפגעטון, נאך א מכה און נאך א מכה, עס האט ממש גארנישט אויפגעטון, ביז מכת בכורות האט ער גארנישט געטון. כדי מיר זאלן זיך אראפלערנען דערפון, אז עס איז דא אמאל וואס דער אייבערשטער גיט א עונש פאר א מענטש, אז ער קען זעהן נסים ונפלאות פונעם אייבערשטען, און ולא שת לבו גם לזאת, ער מאכט זיך נישט צוטון, און ער גייט זיך ווייטער.

**דער** רמב"ם, ווען ער וויל ברענגען א ראיה צו די הלכה וואס ער זאגט, אז אמאל נעמט מען אוועק די בחירה, ברענגט ער צו דעם פסוק (ישעיה ו-י), השמן לב העם הזה, עס איז פארפעט געווארן דאס הארץ פונעם פאלק, ואזניו הכבד, און זיינע אויערן זענען אים שווער געווארן, ועיניו השע, און זיינע אויגן זענען פארמאכט, פן יראה בעיניו, אפשר וועט ער זעהן, ובאזניו ישמע, ולבבו יבין, ושב ורפא לו. זאגט דער רמב"ם, אז אין דעם פסוק ליגט דאס וואס ער האט פריער געשריבען, אז מען טוט אוועקנעמען די בחירה פון א מענטש, אז ער זאל נישט קענען תשובה טון.

**דער** פשט דערפון איז, א מענטש וואס קערט זיך צוריק צום אייבערשטען, איז בדרך כלל דא דריי סיבות, וואס ברענגען אים צו תשובה. אמאל איז דא התבוננות, א מענטש טראכט זיך איבער, ער מאכט א חשבון הנפש, ווי ער שטייט ווי אזוי ער זעהט אויס, וואס ער זינדיגט, און וואס ער טוט, און ער איז זיך משים על לבו אז ער זאל תשובה טון. עס קומט אריין אן אייגענע התעוררות אין אים. אמאל איז דא וואס א מענטש ווערט נישט נתעורר פון זיך אליין, אבער ער הערט אמאל א דרשה, ער הערט אמאל תוכחה, ער הערט אמאל מוסר פון א צווייטען, יענער איז אים מעורר, און ער איז זיך משים לב, עס איז אריינגעגאנגען די ווערטער וואס מען האט אים געזאגט, און ער קערט זיך צוריק. אמאל איז דא וואס ער האט נישט געהערט, אבער ער זעהט ווי אזוי א ערליכער יוד פירט זיך, ער געפונט זיך מיט אן ערליכען יוד צוזאמען, דאס וואס מען זעהט מיט די אויגען ווי אזוי צדיקים און ערליכע יודן פירן זיך, כאפט עס אים אן, עס איז זייער שיין די וועג ווי אזוי ער פירט זיך, און פארוואס בין איך אנדערש, און ער ווערט נתעורר אז ער זאל גיין אויפן ריכטיגען וועג.

**ווען** דער אייבערשטער טוט מונע זיין פון איינעם דרכי התשובה, נעמט ער אוועק פון אים די דריי זאכן. ער זאל נישט האבן א הרגשה אינעם הארץ תשובה צו טון, דאס איז טייטש אז אויב עס מאכט זיך אים עפעס, און ער ווערט יא אמאל נתעורר, עס קומט א גוטע מינוט און ער וויל תשובה טון, ווערט ער תיכף אריינגעמישט אין אנדערע זאכן מיט טירדות וכדומה, ביז ער פארגעסט וואס ער האט פריער געטראכט, און ער איז צוריק אין זיין ביזנעס און אין זיינע געשעפטן, און ער איז שוין נישט דערביי ביי וואס ער איז געווען פריער. ווען דער אייבערשטער וויל אים מונע זיין פון תשובה, טוט ער אים אוועקנעמען אז ער זאל נישט הערן קיין מוסר, עס איז נישט דא וואו צו הערן, און וועם צו הערן, און ווען ער הערט יא זאל ער זיך נישט מאכען צו טון דערפון. און ער נעמט אים אוועק די אויגען פון צו גיין און זעהן ווי אזוי ערליכע יודן פירן זיך. פארוואס טוט עס דער אייבערשטער, ווייל דער אייבערשטער האט מורא, אז טאמער ער וועט יא נתעורר ווערן, און ער וועט תשובה טון, וועט דער אייבערשטער מוזן מקבל זיין די תשובה, און דער באשעפער וויל נישט אז ער זאל תשובה טון, טוט ער אים שטערן פון די אלע זאכן, וואס טוען צוברענגען דעם מענטש צו תשובה.

**זאגט** דער פסוק, השמן לב העם הזה, עס איז פארפעט געווארן דאס הארץ פון מענטשען, אז

דאס הארץ טראכט נישט. ואזניו הכבד, און דער אייבערשטער האט אים געמאכט אז זיינע אויערן זאלן אים זיין שווער צו הערן. ועיניו השע, און דער אייבערשטער פארמאכט אים די אויגן, פון צו זעהן ערליכע זאכן. פארוואס טוט עס דער אייבערשטער, ווייל דער אייבערשטער טראכט, פן יראה בעיניו, אפשר וועט ער יא זעהן מיט די אויגן, ואזניו ישמע, אפשר וועט ער הערן מוסר, ולבבו יבין, און ער וועט פארשטיין, און דעמאלטס וועט דאך זיין ושב ורפא לו, און ווייל דער אייבערשטער וויל נישט אז ער זאל צוקומען דערצו, מאכט דער אייבערשטער אז עס זאל זיין השמן לב העם הזה, און עס זאל זיין אזניו הכבד, און עס זאל זיין עיניו השע, כדי ער זאל נישט צוקומען צו דעם, אז ער זאל זיך צוריקקערן צום אייבערשטען.

**און** דאס האט דער אייבערשטער געוויזען ביי פרעה, ווייל ער איז געווען אזא רשע, האט אים דער אייבערשטער צוגענומען זיין בחירה. כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו, למען שתי אותותי אלה בקרבו, ביז מכת בכורות, ביז עס איז איינגאנצן אונטערגעגאנגען אזוי לאנג האט ער נישט משים לב געווען, צו דעם וואס ער האט געזען.

*

**עס** שטייט אין **תפלה למשה** (פרשת ויצא), פון **רבי משה סאמבור זי"ע**, אז **רבי מענדל רימנוב'ער זי"ע** האט געזאגט, אז ליצנות איז דוחה מאה תוכחות. ווען מען הערט א ליצנות, קען עס אוועקשטופן הונדערט תוכחות. מען קען הערן הונדערט דרשות פון מוסר, און מיט איין ליצנות, קען מען אלעס אוועקמאכן. און ער זאגט, אז וועגן דעם לא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים (שמות יג-יז), האט דער אייבערשטער נישט געפירט יודען דרך פלשתים, ווייל די פלשתים זענען געווען ליצנים. אויף ובמושב לצים לא ישב (תהלים א-א) זאגט דער מדרש, אז דאס גייט ארויף אויף די פלשתים. דער באשעפער האט מורא געהאט, אז נאכדעם וואס מען האט געזען די אלע נסים אין מצרים, און יודען זענען אנגעווארימט געווארן צום אייבערשטען, און מען וועט אנקומען צו די פלשתים, וועט מען מיט איין ליצנות, מיט א דשא"ק, אלעס אוועקמאכן. זאגט רבי מענדעלע רימנוב'ער, ווען פרעה וואלט ווען געוואוסט וואס ליצנות קען אלץ אויפטון, אז מיט ליצנות קען מען מכחיש זיין א גאנצע וועלט, וואלט ער געקענט אפשפעטן פון אלעם וואס זיי האבן געזעהן ביז יעצט, און האלטן יודען אין מצרים אויף שטענדיג, ווייל ליצנות האט א געוואלדיגען כח.

**עס** שטייט אין **דברי ישראל**, פונעם **מודזיצ'ער רבי'ן**, אז זיין זיידע **רבי יחזקאל קוזמירער** פלעגט צו פארן צום **רבי'ן פון לובלין**, און רבי יחזקאל קוזמירער האט געזאגט, אז ווען ער פלעגט אהיימפארן פון זיין רבי פון לובלין, האט ער מתפלל געווען, אז דער אייבערשטער זאל אים העלפן, אז אויפן וועג ווען ער פארט מיט מענטשן אויפן וואגן אדער אויפן באן, זאל ער נישט אנטרעפן איינעם וואס זאל אפשפעטן פון זיין רבי, כדי ער זאל אים נישט אוועקנעמען די גאנצע התעוררות וואס ער האט געהאט. ער האט מתפלל געווען, אז ווען ער גייט אוועק פון א פלאץ ווי ער איז נתעורר געווארן, זאל קענען בלייבן ביי אים די התעוררות, און מען זאל נישט אפלאכן פון אים.

**מען** זעהט אסאך מאל, אז מען הערט א דרשה, און איין דשא"ק וואס איינער זאגט שפעטער אויף די דרשה, צו מען מאכט אוועק דעם וואס האט עס געזאגט, צו פונקט איז געווען איין אויסדרוק וואס מען האט נישט געדארפט צו זאגן, וועט מען נאר זיין פארנומען מיט דעם אויסדרוק וואס מען האט געהערט, און פון די גאנצע דרשה טראכט מען נישט נאכדעם. עס איז א חלק פון ליצנות אפצושפעטן און אוועקצומאכן די גאנצע זאך.

**פרעה** האט געוואוסט אז עס איז מופתים, זיי האבן נישט געקענט מאכן דאס זעלבע וואס משה רבינו האט געטון, משה רבינו האט אראפגעווארפן דעם שטעקן איז עס געווארן א נחש, און ביי זיי האט עס נאר אויסגעקוקט ווי א שלאנג. ווען זיי האבן געמאכט פון מים דם, שטייט אין **אור החיים הק'** (ז-כא), אז עס איז נישט געווארן בלוט, נאר עס האט אויסגעקוקט רויט אזוי ווי בלוט, אבער בעצם איז עס געווען וואסער. אבער ווען משה רבינו האט געמאכט פונעם נילוס בלוט, איז עס געווארן בלוט, אז א פיש האט נישט געקענט לעבן דארט,

און אין זייער רויטע וואסער האט א פיש געקענט לעבן. זיי האבן געוואוסט אז עס איז דא חילוקים, ער האט נאר נישט געוואלט וויסען דעם חילוק. עס איז אים גענוג געווען אז ער זאל קענען מאכן ליצנות שפעטער, ווען משה רבינו איז געקומען און ער האט געברענגט די מופתים, האט אים פרעה געזאגט, תבן אתה מכניס לעפריים, דו ברענגסט אריין כישוף אויף מצרים (מנחות פה.). ער האט געוואוסט אז דאס איז נישט קיין כישוף, ער האט געוואוסט אז דאס איז א יד ה', כישוף קען נישט מאכן דאס זעלבע וואס זיי האבן געמאכט. נאר וואס דען, אויף ליצנות, אפצושפעטן אז מען זאל נישט מקבל זיין די ווערטער פון משה רבינו, אויף דעם איז עס אים געווען גענוג.

**זאגט** די תורה הק', אז נאכדעם וואס די חרטומים האבן נאכגעמאכט און זיי האבן געמאכט פונעם וואסער בלוט, האט פרעה געוואוסט אז אויב ער בלייבט נאך דארט פינף מינוט, וועט מען אים איבערצייגען אז די בלוט איז נישט דאס זעלבער בלוט, און עס איז נישט אינגאנצן דומה צו דעם וואס משה רבינו האט געטון. ויפן פרעה, האט ער זיך אוועקגעדרייט, ויבא אל ביתו, און ער איז אריינגעגאנגען צו זיך אין שטוב, ולא שת לבו גם לזאת, דאס איז געווען א חלק פונעם הכבדת לב וואס דער אייבערשטער האט פון אים אוועקגענומען, אז ער זאל אפשפעטן פון וואס עס איז געווען, און ער זאל אריינגיין נאכדעם צו זיך אין שטוב, אז ער זאל נישט מברר זיין דעם אמת, וואס דא איז געווען. עס איז אים גענוג אז ער זאל בלייבן מיט די קשיא, אז משה רבינו האט גארנישט אויפגעטון, ווייל זיי קענען טון דאס זעלבע.

**די** מוסר השכל דערפון איז, **מען הערט אסאך מאל אזויפיל מוסר אויף די היינטיגע פראבלעמען אינטערנעט וכדומה, און מען זעהט נישט אייביג אז עס זאל מאכן א רושם, נישט מיר האט מען געמיינט. דו זעהסט דאך אז עס איז נישט גוט, דו הערסט אז עס איז נישט גוט, און דו ווייסט דאך באמת אז עס איז נישט גוט, אבער אסאך מאל איז דא א הכבדת הלב, א מענטש האט אזויפיל געזינדיגט, אז מען לאזט אים פון הימל אז ער זאל גיין אזוי ווי ער איז. השמן לב העם הזה, עס איז אזניו הכבד, מען הערט און עס ווערט שווער צו הערן, ועיניו השע. דער עיקר דארף זיין דעם לבבו יבין ושב ורפא לו, מען זאל וויסען אז מען דארף גיין אויפן ריכטיגען וועג, און דעמאלס העלפט דער אייבערשטער אז מען האט סייעתא דשמיא אין דעם וואס מען דארף צו האבן.**

*

***יום שני פרשת בא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש קראסנא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **הלל פישמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**רש"י** (שמות יב-ו) ברענגט צו, ווען יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האבן זיי נישט געהאט קיין זכותים מיט וואס מען זאל ארויסגיין פון מצרים, ואת ערום ועריה, און דער אייבערשטער האט זיי געגעבן צוויי מצות, דם פסח און דם מילה. יודן האבן זיך דעמאלטס געמל'ט, און מען האט געשחטן דעם קרבן פסח. ואומר לך בדמייך חיי בדמיך חיי, אין זכות פון די צוויי מצות וועלן יודען קענען ארויסגיין פון מצרים. די מפרשים שטעלן זיך, פארוואס האט מען אויסגעקליבן די צוויי מצות, דם פסח און דם מילה. עס איז דא תרי"ג מצות התורה וואס דער אייבערשטער האט געקענט מצווה זיין.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, איך האב געזען אין **חתם סופר** (**תורת משה** בפרשתנו לה.), דער אייבערשטער האט געזאגט, ואשא אתכם על כנפי נשרים (שמות יט-ד), איך האב ענק אויפגעהויבן על כנפי נשרים. זאגט ער א רמז אין דעם כנפי נשרים, אז פרעה האט געזאגט פאר יודען, איך וויל ענק נישט ארויסלאזן פון מצרים, ראו כי רעה נגד פניכם (שם י-י), עס איז דא א רעה אקעגן ענק. און רש"י זאגט, אז עס איז דא א כוכב, א שטערן, וואס הייסט רעה, און דאס איז א כוכב פון שפיכת דמים, און דאס איז נגד פניכם, ווען איר גייט ארויס וועט איר האבן שפיכת דמים.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אז אקעגן דעם כוכב וואס הייסט רעה, איז דא שמות פון רחמים, וואס דאס באטרעפט אויך רעה. ער זאגט על פי דרכו, אז דער שם הוי"ה און דער שם אדנ"י זענען בגימטריא איין און נייגציג. און פקד איז געווען די פקידה פון ארויסגיין פון מצרים. זאגט ער, פקד, מיטן שם הוי"ה, און דעם שם אדנ"י, איז בגימטריא אזויפיל וויפיל רע"ה. די רעה איז מגין אקעגן די אנדערע רעה. זאגט דער **חתם סופר**, צוויי מאל רעה איז בגימטריא נשר, ואשא אתכם על כנפי נשרים, עס איז געווען אקעגן ענק א מזל פון רעה, און איך האב עס ממתיק געווען מיט א אנדערע רעה, און מיט דעם זענט איר ארויסגעקומען פון מצרים.

**מען** קען אפשר צוגעבן דערצו, די גמרא (שבת קנו.) זאגט, אז ווען איינער ווערט געבוירן אין מזל מאדים איז ער א שופך דמים, אבער ער האט א מעגליכקייט צו זיין א שופך דמים אויף צוויי וועגן. אדער איז מען א שופך דמים כפשוטו, אדער ווערט ער א מוהל, אדער א שוחט, איז ער אויך שופך דמים, עס איז א שפיכת דמים פון רחמים. קומט אויס אז יעדע רעה קען מען אויסקלויבן אויף צוויי וועגן, מען קען עס אויסקלויבן אויף די גוטע זייט, און מען קען עס אויסקלויבן אויף די שלעכטע זייט. אפילו עס איז פאר איינעם אויסגעשטעלט אז זיין מזל איז שפיכת דמים, קען ער די שפיכת דמים אויסנוצן אויף א וועג פון שפיכת דמים וואס זאל זיין פון זכות.

**מצות** מילה איז מעורר רחמים אויף יודען, מי יעלה לנו השמימה (דברים ל-יב), איז די ראשי תיבות מילה, און די סופי תיבות איז די שם הוי"ה. מצות מילה איז מעורר רחמים. עס איז דא י"ג בריתות אויף מצות מילה, כנגד די י"ג מדות של רחמים. אמת טאקע עס איז געווען רעה נגד פניכם, פרעה האט גוט געזעהן אז עס איז דא א מזל פון רעה וואס האט געדארפט זיין אקעגן יודען, אבער אקעגן דעם רעה האבן יודען א וועג אויסצוקלויבן א אנדערע וועג אויך. די רעה קען זיין שפיכת דמים כפשוטו, און עס קען זיין פארגיסען בלוט פארן אייבערשטען אויף א וועג וואס זאל זיין א מצוה, וואס זאל ברענגען רחמים. האט דער אייבערשטער אונז געגעבן די צוויי מצות, דם פסח און דם מילה, וואס איז פארבינדן מיט דם, כדי אז אפילו עס איז נגזר געווארן אז עס זאל זיין לויטן מזל רעה פון שפיכת דמים, האבן מיר א אנדערע שפיכת דמים. אונזער שפיכת דמים, איז דם פסח און דם מילה. ער איז אויך א שופך דמים, אבער עס איז קרבנות וואס מען איז מקריב פארן אייבערשטען, מען ברענגט זיך אליין א קרבן פארן באשעפער. ואשא אתכם על כנפי נשרים, דער באשעפער האט אונז געגעבן אקעגן דעם רעה וואס איז געווען פון שפיכת דמים, אן אנדערע רעה, מען זאל עס קענען אויסנוצן אויף תורה.

**און** דאס איז א מוסר השכל, אז א יעדע מדה וואס א יוד האט, קען מען אויסנוצן פארן אייבערשטען'ס וועגן. אפילו אמאל קוקט אויס די מדה אויסנווייניג אז עס איז א שלעכטע מדה, אבער אז מען נוצט עס אויפן ריכטיגען וועג, דעמאלטס קומט ארויס דערפון א כבוד שמים.

*

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

*

***שבת קודש פרשת בא***

התפלות וסעודה שלישית התקיימה בבית המדרש חב"ד בעיר. – בסעודה שלישית השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הכבדת לב פרעה, ודיבורו של משה אליו לשלח את ישראל. בבכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את הרב רבי **חיים שלמה ראטענבערג** שליט"א.

* * *

***שבת קודש פרשת בשלח***

בסעודה שלישית השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בענין פרשת המן, ובפרטי הנסים בירידת המן שהשפיע אמונה וקדושה לבני ישראל. בברכת המזון כיבד רבינו שליט"א את הרה"ג רבי **דוד ליבערמאן** שליט"א אב"ד שעניא.

* * *

***יום חמישי פרשת יתרו***

בשעות הערב הגיע **הרה"ג רבי חיים דוד כ"ץ שליט"א** דומ"ץ דקהל יטב לב דסאטמאר (בב"פ) לביקור באכסניית **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** איך טראכט אסאך מאל, די רבנים אינדערהיים זענען בדרך כלל אוועקגעפארן אויף זומער. וואס האט א רב אמאל געהאט אין א שטעטל אדער אין א דערפל, ער איז געזעסן און געלערנט פון צופרי ביז ביינאכט, ער האט נישט געהאט קיין טירדות און א עול, און עס האט דאך אויסגעפעלט אביסל איבערצולאזן דעם מקום און אוועקגיין.

**הגרח"ד:** היינט בלי עין הרע, סיי עס איז א קליינע וועלט, דער גאנצער עולם איז דאך צוזאמען, און די גאנצע וועלט איז אויך צוזאמען דורך די טעלעפאנען, איז עס א זאך וואס איז יום ולילה לא ישבותו, ווען דא איז טאג איז דארט נאכט. אבער אויסער דעם, מען האט נישט געפרעגט אמאל אזוי סאך שאלות, מען האט נישט געדארפט ענטפערן אזויפיל וויפיל מען ענטפערט היינט. דער **קרן לדוד** האט נישט געענטפערט א שאלה פאר א בחור אין שלחן ערוך אורח חיים, ווייל א בחור דארף אליין לערנען שלחן ערוך אורח חיים.

**רבינו:** אמאל אז עס איז נישט געווען קיין טעלעפאנען, האט א בעל הבית זיך געדארפט מטריח זיין צו גיין פרעגן, האט ער פינף מאל געטראכט צו ער זאל גיין צו נישט, און היינט מיט איין קלינג אויפן טעלעפאן קומט ער אן, פארוואס זאל ער נישט רופן, עס איז גרינגער.

עס איז זיכער אז די זאכן וואס מען פרעגט היינט, האט מען אמאל קיינמאל נישט געפרעגט א רב. מען האט זיך אליין אן עצה געגעבן, יעדער וויפיל ער האט געקענט.

**הגרח"ד:** מען האט מער סובל געווען, און מען איז געווען מער פארשטענדליך. די דורות פאלן אין אלע ענינים. מען דארף נישט גיין פון פארדעם, נאר דא אליין די לעצטע צוואנציג יאר איז דא אזא חילוק פון פאר דעם, אז עס איז לא יאומן כי יסופר.

**רבינו:** עס איז א נייער דור.

**הגרח"ד:** אין אונזער צייט פאר דרייסיג יאר צוריק, האט מען זיך נישט געדארפט אפגעבן מיט א יונגערמאן אזוי פיל ווי מען דארף זיך היינט אפגעבן מיט א יונגערמאן נאך די חתונה.

**רבינו:** עס איז געווען נאר ממש די שאלות וואס מען האט געפרעגט, און נישט מער. און די איבריגע זאכן האט מען זיך אליין מסדר געווען. שיהא יכול להלך כנגד רוחו של כל אחד ואחד.

**הגרח"ד:** אבער למעשה אויב דער מצב איז אז די יונגעלייט פארלאנגען עס, דארף מען עס צושטעלן. לימוד האט דאך א תכלית. עס איז דא א הסכמה פונעם **הייליגען לובלינער** אויף א ספר אין קדשים, און ער שרייבט אז ער פרייט זיך זייער אז עס קומט ארויס דער ספר, ווייל ער אליין האט געוואלט מאכן א ספר אויף קדשים, ווייל אויף די קדשים מסכתות איז נישטא אסאך ספרים, אבער ער האט געזען ווי יודען קומען מיט בקשות, און מען ווערט געהאלפן, האט ער זיי נישט געקענט אפזאגן, איז ער געווארן טרוד, האט ער שוין נישט געקענט עוסק זיין אין דעם.

**רבינו:** ער האט געזען אז דאס איז זיין תפקיד.

**רבינו שליט"א כיבדו לברך על הפירות**

*

**אחר שדנו בכמה הילכתא גבירתא שבשו"ע יו"ד ח"ב, עבר השיחה לדיני ברכת הגומל ותפלת הדרך**

**רבינו:** איך בין נישט קלאר לגבי הגומל בענטשען. די וועלט פירט זיך אז ווען מען פארט מיט אן עראפלאן בענטשט מען נאר הגומל ווען מען פארט העכער א ים. וואס איז דער חילוק צו מען פארט העכער א ים, צו מען פארט העכער א מדבר?

**הגרח"ד:** איך האב אלץ געלערנט, ווייל טאמער מען דארף ח"ו מאכן אן עמערדשזנסי לענדונג, אויף די יבשה קען מען מאכן א לאנדונג, אבער אויפן ים קען מען נישט.

**רבינו:** היינט קען מען מאכן אויפן ים אויך א לענדונג. אין האדסאן ריווער האט א פליגער געמאכט א לאנדונג.

**הגרח"ד:** דאס איז געווען א געוואלדיגע סייעתא דשמיא, ממש נסים, אבער נארמאל קען עס נישט געלונגען (עיין **בשו"ת בצל החכמה** (ח"א סימן כ'), **ובשו"ת ויען דוד** (או"ח סימן ל"ז) שדנו בזה).

**רבינו:** עס איז א חילוק צו עס פאלט, צו עס קומט אראפ. אראפ קען ער קומען איבעראל.

הולכי ימים דארפן בענטשען הגומל, און הולכי מדבריות. די גאנצע וועג דא, איז הולכי מדבריות. ווען מען פארט בייטאג קען מען זעהן א שעה וועג ווי עס איז נישט דא א נפש חיה.

**הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל:** ווען איינער גייט דארט אדורך דארף ער בענטשען הגומל?

**רבינו:** וואס דען מיינט הולכי מדבריות?

**הרה"ג רבי יואל:** דארט ווי עס דרייען זיך בעלי חיים, און עס איז א מקום סכנה.

**רבינו:** דא איז אויך דא בעלי חיים. און א מקום סכנה מיינט אויך, אז עס איז נישט דא צו עסן און טרינקען. איך מיין אז ווען מען פארט פון דא אויף לאס אנדשעלעס מיט א קאר פארט מען אדורך אויפן וועג א מדבר.

**הגרח"ד:** אויב דער חשבון איז אז עס הייסט א סכנה ווען מען דארף לאנדען, איז דאך העכער א מדבר אויך הולכי מדבריות (עיין **בשו"ת באר משה** (חלק ז' קונטרס עלעקטריק סימן סח-סט) שכתב בנוסע באוירון מעל מדבריות צריך לברך ברכת הגומל לכו"ע, וכן כתוב בספר **ארחות רבינו** (ח"א עמוד צ"א)).

איך ווייס נישט ווי אזוי עס איז נקבע געווארן אזוי. איך מיין אז דער **דעברעצינער רב** (**בשו"ת באר משה** שם) האט געפסקנ'ט, אז מען דארף יא בענטשען הגומל אייביג, אפילו מען פארט נישט העכער א ים וכדומה (וכן כתוב **בשו"ת אגרות משה** או"ח ח"ב סימן נ"ט).

**רבינו:** אמאל האט מען געהאלטן אז בעצם פארן מיט אן ערפאלאן איז א סכנה, אבער היינט איז עס שוין ארויס פונעם מצב אז עס איז א סכנה.

**הגרח"ד:** מיין טאטע (רבי יוסף כ"ץ) ז"ל האט געהאלטן, אז מען טאר נישט פארן מיט א עראפלאן, נאר ווען עס איז באמת א צורך. ווען מען פארט אויף א שמחה, אדער לצורך מצוה, ווייל אז מען דארף הגומל בענטשען, איז דאך פשט אז ער לאזט זיך אריין אין א סכנה. מילא פאר פרנסה שטייט אז מען מעג גיין (עיין **בשו"ת נודע ביהודה** מהדו"ת יו"ד סימן י'), אבער סתם אויף א אויספלוג צו גיין, אויף א זאך וואס מען דארף גומל בענטשען, טאר מען זיך נישט אריינלאזן אין א סכנה.

מען זאגט נאך אויפן **סקווערער רבי זצ"ל** אז ער האט נישט געזאגט קיין תפלת הדרך פון די שטאט קיין סקווירא, ווייל ער האט נישט געוואלט אז עס זאל נקבע ווערן פאר א מקום סכנה (עיין **בשו"ת באר משה** שם).

**רבינו:** עס איז א שווערע היתר.

**הגרח"ד:** עס איז דא א גאנצע נידון דערין. ווייל הליכה ברגל איז טאקע דא מער ווי א פרסה, אבער פארן מער ווי עס נעמט צו גיין א פרסה, מער פון צוויי און זיבעציג מינוט, ווייס איך נישט צו עס איז דא ביז מאנסי. ממילא איז מען דאך מסופק צו די שיעור פרסה רעכענט מען בתר הליכה ברגל, אדער נישט (עיין **בשו"ת זכרון יהודה** סימן מ"ב).

**רבינו:** דאס האבן אלע אנגענומען אז מען רעכנט די צייט בתר הליכה ברגל (עיין **במשנה ברורה** (סימן ק"י סק"ל), **ובשו"ת שבט הלוי** (ח"ט סימן ל"ז, ובח"י סימן כ"א)).

**הגרח"ד:** דער **חזון איש** טענ'ט אז מען וואלט אין שטאט אויך געדארפט זאגן תפלת הדרך, נאר וואס דען, מען קען נישט מאכן א ברכה, ממילא זאל מען נישט קובע זיין אזוי (עיין **בשו"ת תשובות והנהגות** ח"א סימן קצ"ט).

**רבינו:** סכנה פערצענטאעל האלט מען אז א קאר איז מער א סכנה פון אן עראפלאן. עס איז דא מער עקסידענט'ס פון קארן ווי פון עראפלאנען.

**הגרח"ד:** דער **אראד'ער רב** פלעגט זאגן תפלת הדרך בלי שם ומלכות, יעדעס מאל ער איז געפארן מיט א קאר.

**רבינו:** איך האב אויך געהערט אזוי אויף **רבי יונתן שטייף זצ"ל**. ער האט נישט גזאגט די נוסח פון תפלת הדרך, נאר ער האט געזאגט א תפלה.

**הגרח"ד:** איך האב געהאט א ספק ביי תפלת הדרך, אזוי זאגט מען ביי שומע תפלה. דארט ווי עס איז א ספק צו מען זאל זאגן תפלת הדרך, איז בעסער צו זאגן ביי שומע תפלה, אבער דארט ווי עס איז זיכער אז מען קען זאגן תפלת הדרך, אפשר איז בעסער אז מען זאגט נישט ביי שומע תפלה. אויב ער איז החזיק בדרך, און ער קען מאכן א ברכה, איז דאך נישט קיין ענין ממעט צו זיין בברכות. ממעט צו זיין ברכות איז ביי א ברכה שאינה צריכה, אבער ביי א ברכה הצריכה איז דאך פארקערט. איך מיין אז דער **תניא** (סדר ברכת הנהנין פ"ג סי"ד) ברענגט א לשון, כשם עס איז דא א ענין ממעט צו זיין בברכה שאינה צריכה, איז גוט מרבה צו זיין בברכות הצריכות.

**הרה"ג רבי יואל:** יעדע ברכה איז ווערט עשרה זהובים (חולין פז.).

**הגרח"ד:** דער **אבן העוזר** (או"ח סימן רי"ב) האלט, אז אפילו ווען מען ברענגט אריין א פרי אינמיטן די סעודה, מעג מען עס לאזן אויף נאך די סעודה,

להרבות בברכות. דער **מגן אברהם** (סימן רט"ו סק"ו) דינגט זיך דערויף, און ער איז מחולק, אבער דער **תניא** (סימן רט"ו סעיף ה') נעמט מער אן דעם **אבן העוזר**, און ער זאגט די סברא, אז די חכמים האבן מתקן געווען א בורא פרי העץ און א בורא נפשות, איז נישט גוט אז מען זאל עס מבליע זיין אין א צווייטע ברכה.

**רבינו:** פון גירסא דינקותא ליגט מיר אין קאפ, אז ווען דער **סאטמארער רב ז"ל** איז געפארן אויף ארץ ישראל תשכ"ה, האט ער געדאווענט שחרית אין בית המדרש, און תיכף פונעם בית המדרש האט ער זיך אריינגעזעצט אינעם קאר צו פארן צו די שיף, און מען האט געזאגט אז ער האט געזאגט תפלת הדרך ביי שומע תפלה. איך האב עס נישט געהערט פון אים, מען האט דאך נישט געוואוסט וואס ער האט געזאגט ביים דאווענען, אבער עס ליגט מיר אין קאפ אז ער האט געזאגט, אז אזוי ווי ער גייט תיכף פונעם בית המדרש זיך אריינזעצן צו פארן, האט ער שוין געזאגט תפלת הדרך ביי שומע תפלה (וכן הוא **באוצר החיים** (אות ע"ג) שכן נהג **מרן הגה"ק מצאנז זי"ע** לומר תפלת הדרך בשומע תפלה).

**הגרח"ד:** ווען ער איז געפארן קיין מאנרא, פלעגט ער זאגן ביי שומע תפלה.

**רבינו:** און ער פלעגט תיכף ארויסצופארן?

**הגרח"ד:** דאס ווייס איך נישט.

**רבינו:** עס איז דא וואס האלטן אז אויב מען פארט תיכף נאכן דאווענען, איז מען שוין מקדים ביי שומע תפלה.

**הגרח"ד:** איך האב געזען א חידוש, אין שלחן ערוך קוקט עפעס אויס, אז עס איז גלייך צו זאגן אויפן וועג, כאשר החזיק בדרך, אבער למעשה האבן צדיקים געזאגט אין שטוב, אפילו נישט ביי שומע תפלה, האט מען געזאגט אין שטוב. מיין מאמע ז"ל האט געוואוינט ביי **רבי שלום אליעזר אין ראצפערט**, און זי האט געזאגט, אז ווען רבי שלום אליעזר האט געדארפט ערגעץ פארן, האט ער פאר ער איז ארויס פון שטוב געמאכט א ברכה אויף א מאכל, און נאכדעם האט ער געזאגט תפלת הדרך. איך האב מיך אלץ געחידוש'ט דערויף, אבער לעצטענס האט מיר איינער געוויזען אז דער **יסוד ושורש העבודה** (שער הי"ב, בדיני תפלת הדרך) ברענגט פון זוהר הק' (ח"א נח:), אז מען זאל זאגן תפלת הדרך פאר מען גייט ארויס פון שטוב. עס איז מיר געווען א שמחה גדולה, אז מען זעהט אז ווען צדיקים טוען א זאך, האט עס א מקור. קען זיין מען האט געוואלט זאגן די תפלה רואיגערהייט, אבער אזוי שטייט אין זוהר הק'.

**רבינו:** דער **תולדות אהרן רבי זצ"ל** האט מקפיד געווען ווען ער איז געפארן פון ירושלים אויף בני ברק, צו אויף טבריה, אז ער האט נישט געזאגט תפלת הדרך פארענדיג אין די קאר, נאר ער האט געהייסען אז מען זאל זיך אפשטעלן, און ער איז ארויסגעגאנגען פון די קאר, און ער האט געזאגט תפלת הדרך מעומד, און נאכדעם האט ער זיך צוריקגעזעצט, און ער איז געפארן. און ער האט אויך געפאדערט פון די חסידים אז אויב מען קען, ווען מען פארט מיט א באס קען מען נישט, אבער אז מען פארט פריוואט זאל מען זיך אפשטעלן און זאגן תפלת הדך מעומד.

**הגרח"ד:** עס שטייט אזוי אין די גמרא (ברכות ל.), אז עס איז גלייך צו זאגן מעומד.

**הרה"ג רבי יואל:** די גמרא זאגט נאר אז ער האט זיך אויפגעשטעלט אלץ מהיות טוב (ע"ש, ובב"ק פא:), אבער עס איז נישט א חיוב מדינא.

**ודנו עוד בדיני עמידה בתפלת שמונה עשרה ובברכת המזון ובקריאת התורה ועוד, ונפרדו לשלום**

*

***שבת קודש פרשת יתרו***

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי מנחם מענדל טייטלבוים שליט"א** אב"ד דקיט"ל דסאטמאר בוומסב"ג, באמירת סדר הזמירות וה' מלך.

באמירת דברי תורה פתח **רבינו שליט"א** את דבריו, אשר בהיות שמקוה לבקר בשבוע הבא על קברי הצדיקים, הלא הם ציוני **מרן החתם סופר זי"ע**, ורבותיו הק' **הגאון בעל הפלאה, והגאון רבי נתן אדלער זי"ע**, על כן כדי שיהיו שפתותיהם דובבות בקבר להמליץ זכות עלינו נשתעשע כעת בדבריהם הקדושים. - והמשיך בדבריהם הק' על דבר הסעודה שערך משה לחותנו במדבר, אם היתה בלחמו של יתרו משום חשש פת עכו"ם ועוד. ובגודל קדושת עבודת האכילה והתדבקות לתלמידי חכמים במאכל ובמשתה.

בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי חיים דוד כ"ץ שליט"א** דומ"ץ דקיט"ל דסאטמאר בב"פ.